THE NEW YORK PUBLIC LIBRARY
APR 27 1932
ASTOR, LENOX AND TILDEN FOUNDATIONS

A JEWISH CANADIAN DAILY Circulated All Over CANADA And Abroad

The Daily Hebrew Journal

דער אידישער זשורנאל

פאליטיש אונאפהעגניג נאציאנאל

א צייטונג וועלכע גיט פרייהייט פון אויסדרוק צו אלע שיכטען.

VOLUME XIX No 7851 — Monday, April 25th, 1932 — יום ב׳, ג׳ דחוה״מ פסח, תרצ״ב. — טאראנטא, מאנטאג דעם 25־טער אפריל, 1932. — PRICE THREE CENTS

היטלער האלט אפ גרויסען זיעג אין וואהלען צום פרייסישען לאנדטאג

ווילנע קאכט מיט וידוי פון אלטען משומד וועגען דאפעלטען מארד

ווילנע, אפריל, 24. (איטא).

די שטאדט ווילנע קאכט יעצט מיט א מאדנער פאסירונג.

הלל זאקרעמב, אן אלטער גע'שמד'טער איד, איז די טעג געקומען אין אפיס פון דער פאליציי און זיך מודה געווען אין האבען באגאנגען צוויי מארדען מיט פיעלע יאהרען צוריק.

דער זקן האט דערצעהלט, אז מיט 35 יאהר צוריק האט ער איבערגעלעבט א שווערע טראגעדיע, ווען עס זענען ביי איהם געשטארבען זיין פרוי און זיין בן־יחיד. א טרויעריגער האט ער דאן פארלאזען די שטאדט און זיך באזעצט אין א שטעדטעל לעבען ווילנע. דארט האט ער זיך פארליבט אין א קריסטליכער פרוי, זיך גע'שמד'ט און מיט איהר חתונה געהאט.

א צייט שפעטער האט ער גענומען פארדעכטיגען איינעם פון זיינע ארבייטער אויפ'ן פאלווארק, וואו ער האט געוואוינט, אין פיהרען א ליבע מיט זיין פרוי. געטריבען פון אייפערזוכט האט ער דעם ארבייטער ערמארדעט. קיינער האט וועגען דעם ניט געוואוסט א חוץ זיין פרוי. ווען זי האט איהם גענומען סטראשען, האט ער אויך זי פאר'סמ'ט מיט סטריכנין און זי איז געשטארבען.

די שרעקליכע מעשים האבען איהם אבער ניט געלאזט רוהען. ער האט פארלאזען זיין פאלווארק און איז געווארען א בעל־תשובה. ער האט געפאדערט מען זאל איהם באשטראפען פאר די גרויזאמע פארברעכענס וואס ער איז באגאנגען.

באזעצונג פון אידען אין בירא־בידזשאן ניט אפגעשטעלט

מאסקווע, אפריל, 24. (איטא).

די איבערוואנדערונג קיין בירא־בידזשאן וועט ווידער באנייט ווערען דעם 10־טען מאי, לויט א פאראדנונג, וואס איז ארויסגעגעבען געווארען דורך דעם "קאמזעט". (רעגיערונגס דעפארטמענט איינצוארדנען אידען אויף לאנד און אין דער אינדוסטריע) נאכדעם ווי א פאראדנונג מען זאל די איינוואנדערונג צייטווייליג אפשטעלען איז פון דעם "קאמזעט" ארויסגעגעבען געווארען דעם 9־טען אפריל.

עס איז אין יענעם באפעהל אנגעוויזען געווארען, אז די איבערוואנדערונג ווערט אויף דערוויל אפגעשטעלט צוליעב מאנגעל אין דירות, צוליעב דער לאנגזאמקייט אין הייזער־בוי און צוליעב די שלעכטע וועגען.

די היינטיגע פאראדנונג ווייזט אבער אן, אז פיעל פון די שוועריגקייטען איינצוארדנען די איינוואנדערער זענען באזייטיגט געווארען און די איבערוואנדערונג וועט זיך ווידער אנהויבען אין דעם באשטימטען טאג.

אלוועלטליכער אידישער קאנגרעס וועט פארופען ווערען קומענדען יולי אין זשענעווא

ניו־יארק, אפריל, 24. (איטא).

100 אידישע ארגאניזאציעס, איינשליסענדיג 10 נאציאנאלע, וועלכע האבען זיך היינט פארזאמעלט אונטער דער אויפזיכט פון דעם "אידישען קאנגרעס", האבען גוטגעהייסען דעם פארשלאג פון קאנגרעס צו פארופען אן אלוועלטליכע קאנפערענץ אין זשענעווא נעקסטען יולי, צו באטראכטען די פראקטישקייט צו שאפען אן אלוועלטליכען אידישען קאנגרעס.

די קאנפערענץ האט זיך דערקלעהרט צום גונסטען צו שאפען אן אלוועלטליכען אידישען קאנגרעס אלס א דרינגענדע נויטווענדיגקייט צו פארטיידיגען די מאראלישע אידישע רעכט אין אלע לענדער. עס איז באשלאסען געווארען אז א צווייטע קאנפערענץ זאל פארופען ווערען אויף דעם 22־טען מאי צו דיסקוטירען די אגענדא און צו באשטימען דעלעגאטען.

אראנזשמענטס וועלען געמאכט ווערען פון דער אדמיניסטראטיווער קאמיטע באשטעהענד פון א דעלעגאט פון יעדער ארגאניזאציע וועלכע איז היינט געווען פארטראטען.

רעדעס זענען געהאלטען געווארען פון ראבי סטיפען ווייז, בערנארד דויטש, ברוך צוקערמאן, מר. ריטשארדס, דר. טענענבוים, מר. גאלדבערג, מר. פערלמאן און מר. טשורמאן.

מעלטשעט אפערירט אין ירושלים

ירושלים, אפריל, 24, (איטא). — לארד מעלטשעט, וועלכער האט דא נעכטען דורכגעמאכט א קליינע אפעראציע, פיהלט שוין בעסער און מען ערווארט, אז ער זאל נאר אין גיכען אינגאנצען געזונט ווערען.

פרץ'עס ערשטע פרוי, טויט

ווארשא, אפריל, 24. (איטא).

שרה ליבטענפעלד, די ערשטע פרוי פון י. ל. פרץ איז היינט געשטארבען אין עלטער פון 82 יאהר.

זי האט מנדב געווען א גרויסע ביבליאטעק צום העברייאישען אוניווערזיטעט אין ירושלים.

האט אבער ניט קיין פולשטענדיגע מ[illegible]הייט אין קיינע פון די פראווינצען. — האט גע[illegible]יטס" אין פרייסען. — אין ווארטעמבערג [illegible] איז היטלער'ס זיעג א געזיכערטער.

N Y Public Library
476 Fifth Ave
NEW YORK N Y

היטלערס פאליטישע שאנסען זעהר געשטיגען

בערלין, אפריל, 24.

די לאנדטאג וואהלען וואס זענען היינט פארגעקומען אין פיער פון דייטשלאנד'ס פינף פראווינצען, איינשליסענדיג פרייסען, האבען געבראכט א ריזיגען נצחון פאר היטלער'ס פאשיסטישער פארטיי, וועלכע איז איצט געווארען פאקטיש די שטארקסטע פארטיי אין לאנד.

טראץ דעם אבער וואס היטלער האט פארציכענט אזא ריזיגען זיעג האט זיין פארטיי אבער ניט געוואונען אין קיין איינער פון די פראווינצען קיין פולשטענדיגען זיעג צו קענען איבערנעהמען די מאכט אהן דער נויטווענדיגקייט פאר א קאאליציע.

פרייסען, וועלכע שטעלט מיט זיך פאר צוויי דריטעל פון גאנץ דייטשלאנד, האט געגעבען היטלער'ן דעם גרעסטען זיעג. אנשטאט 9 "סיטס" ווי ער האט געהאט ביז איצט, האבען די היטלעריסטען געוואונען 162 אויפ'ן חשבון פון דער פאלקס פארטיי, רעמאקראטישע און נאציאנאלע פארטייען.

די קאמוניסטען האבען אויך פארציכענט א געווינס, געווינענדיג 57 סיטס אנשטאט 48 ווי זיי האבען געהאט ביז איצט.

די סאציאל־דעמאקראטען (סאציאליסטען) האבען פארלוירען, פון 137 אויף 93 פלעצער. אפילו די קאטוילישע צענטריסטען האבען פארלוירען פיער "סיטס".

אדאלף היטלער
וועמענס פארטיי איז איצט די שטארקסטע אין דייטשלאנד נאך די לאנדטאג וואהלען אין 4 פראווינצען.

א זיכערען זיעג האבען די היטלעריסטען אפגעהאלטען אין אנהאלט און ווארטעמבערג, וואו זיי וועלען ווארשיינליך איבערנעהמען די מאכט שטעהענדיג אן דער שפיץ פון א רעכטער קאאליציע.

דריי מענשען זענען דערמארדעט געווארען און מערערע זענען פארוואונדעט געווארען פון די וואהלען.

בערלין, אפריל, 24, (איטא).

אויף ווי ווייט עס איז גרויס די פארביטערטקייט פונ'ם וואהל־קאמפיין צו די וואהלען פאר'ן פרייסישען וואהל־לאנדטאג, קאן אילוסטרירען דער פאקט, וואס בלויז אין בערלין זענען 190 פערזאן ארעסטירט געווארען אין די לעצטע צוויי טעג.

די פולשטענדיגע רעזולטאטען פון די וואהלען וועלען ניט באקאנט ווערען ביז מאנטאג פריה.

בערלין, אפריל, 24, (איטא).

דערפאר וואס פראפעסאר ארטור פעילער איז א איד, האבען "נאצי" סטודענטען געמאכט א טומעל און ניט דערלאזען אז ער זאל לעקטשורען אין פארבינדונג מיט זיין באשטימונג צו דער קעניגסבערגער האנדעלס שולע.

פראפעסאר פעילער איז א בארימטער עקאנאמיסט און דער געוועזענער רעדאקטאר פון דער "פראנקפורטער צייטונג".

"מאקסים" באקאנטע אידישע שרייבער נעשטארבען

ניו־יארק, אפריל, 24. (איטא).

"מאקסים", באקאנטער אידישער שרייבער און מאהלער, וועלכער איז געווען אן ס. ם. פיהרער, איז געשטארבען היינט אין עלטער פון 34 יאהר נאך א לאנגער קראנקהייט.

זיין אמת'ער נאמען איז געווען מנחם מענדעל צירולניק.

ספר תורה ארויסגע־גנבעט אין ברוקלין און פארברענט

ניו־יארק, אפריל, 24. (איטא).

די אידישע באפעלקערונג פון ניו־יארק איז אויפגעטרייסעלט צוליעב דעם, וואס א ספר־תורה איז ארויסגע'גנב'עט געווארען פון א ברוקלינער שוהל — די אהבת משה שוהל אויף 572 אלבאני עוועניו — און איז צוריסען און געשענדעט געווארען, פארברענענדיג טיילען אויף א ליידיגען פלאץ לעבען דער שוהל.

שטיקלאך פארמעט זענען דארט שפעטער געפונען געווארען.

די פאליציי דערקלעהרט, אז דאס איז געווען די ארבייט פון סאדיסטען וועלכע האבען ניט איבערגעלאזען הינטער זיך קיין שום שפור.

די איבערגעבליבענע שטיקלאך פון דער ספר־תורה וועלען מקבר ווערען קומענדען זונטאג לעבען דעם קבר פון מרס. טענענבוים אין וועמענס אנדענק איהר מאן האט דעם ספר מנדב געווען מיט 6 יאהר צוריק.

ווילנער געריכט פארדאמט פון פראנצויזישע סטודענטען

פאריז, אפריל, 24. (איטא).

א פראטעסט געגען דער פאראורטיילונג פון דעם ווילנער אידישען סטודענט, וואולפין, איז אנגענומען געווארען אויף א פארזאמלונג פון 500 סטודענטען אין דער שטאדט נאנסי.

דאס געריכט, וואס האט פאראורטיילט וואולפינ'ען צו צוויי יאהר טורמע אין צוזאמענהאנג מיט די אנטיסעמיטישע עקסצעסען אין ווילנע, וואס האבען געפיהרט צום טויט פון דעם קריסטליכען סטודענט, וואצלאווסקי, איז פארדאמט געווארען אין דער רעזאלוציע וואס די פארזאמלונג האט אנגענומען.

דער אורטייל פון געריכט איז באצייכענט געווארען אלס גרונטלאזער בלבול אויפ'ן אידישען פאלק.

לינדבערג'ס בייבי נאך ניט געפונען

נארפאלק, ווירדזשיניא, אפריל, 24.

די פראמינענטע קאמיטע פון דריי וועלכע האט געזוכט צו פארקניפען פארהאנדלונגען מיט די לינדבערג קידנעפערס האט היינט ארויסגעלאזען אן אפיעל צו דער פרעסע, מען זאל זיי לאזען צורוה, נאכדעם ווי עס האט זיך ארויסגעוויזען, אז די קאמיטע האט ביז איצט גארנישט אויפגעטאן.

שוהל פון מיטעלאלטער אויסגעגראבען אין בודאפעסט

בודאפעסט, אפריל, 24. (איטא).

א אידישע שוהל פון מיטעלאלטער איז אויסגעגראבען געווארען אין א שטעדטעל לעבען בודאפעסט.

אין צוזאמענהאנג מיט דער דאזיגער אויסגראבונג ווערט איצט אנגעוויזען אז די ערשטע אידישע איינוואוינער אין אונגארן זענען אנגעקומען צוזאמען מיט די ארפאדען וועלכע האבען עס אריבערגעבראכט די מאגיארען קיין אונגארן.

אנטעריאר ציוניסטישע רייאן קאנפערענץ הערט אויס באגייס־טערטען גרוס וועגען ארץ ישראל פון דר. נחום גאלדמאן

קאנפערענץ פראטעסטירט געגען פאלעסטינער אדמיניסטראציע פאר אוועקגעבען אראבער אידישען בארען פון עמק השרון און פאר טאלערירען מערדערייען. — יאהר טעטיגקייט פון קאנפערענץ אויסגעהערט. — 211 דעלעגאטען און געסט פון איבער גאנץ אנטאריא.

טיוואלי טעאטער איבערגעפאקט ביי גרויסער מאסענפארזאמלונג

אין דער אנוועזענהייט פון 211 דעלעגאטען און געסט פון טאראנטא סט. קעטערינס, לאנדאן, האמילטאן, בראנטפארד, קיטשענער, אשאווא, סאדבורי, וועלאנד סארניע, אטאווא, ווינדזאר, ניאגרא פאלס, גלעיס בעי און טאראלר, האט ה. ס. ראזענבערג, דער פארזיצער פון אראנזשירונגס קאמיטעט דערעפענט נעכטען פארמיטאג די צווייטע יערליכע קאנפערענץ פון אנטאריא ציוניסטישען ראיאן.

דר. גאלדמאן האלט וויכטיגע פאליטישע רעדע

די וויכטיגסטע רעדע ביי דער פארמיטאג זיצונג האט געהאלטען דר. נחום גאלדמאן, דער פיהרער פון די ציוניסטען אין דייטשלאנד.

זיין רעדע, וואס האט זיך אויסגעצייכענט מיט דעם ברייטען פארנעם פון א טיפזעהענדען שטאטסמאן, האט קלאר אויסגעמאלט און מיט פאקטען עס באשטעטיגט, אז דער יעצטיגער צושטאנד אין ציוניזם איז ווייט פון צו זיין א מרה שחורה'דיגער.

דער געפיהל, וואס באהערשט ציוניסטען איבעראל, אז זיי זענען געצוואונגען צו טאן פאר ארץ ישראל, כדי עפעס צו טאן, אום נישט צו פארלירען די געוואונענע פאזיציעס, און אז אונזערע פאזיציעס אין ארץ ישראל זענען זעהר שוואכע, און אז די האפנונגען זענען אויך ניט קיין גלענצענדע — די דאזיגע יאוש'דיגע שטימונג איז לחלוטין נישט קיין בארעכטיגטע.

די יעצטיגע לאגע אין ציוניזם איז זעהר א גינסטיגע

עס איז נאך אין דער געשיכטע פון פאליטישען ציוניזם קיינמאל נישט געווען קיין גינסטיגערע לאגע ווי יעצט.

די אטאקע פון אלע פאראייניגטע אנטי־ציוניסטישע כוחות אויפ'ן אידישען ישוב אין ארץ ישראל אין 1929 איז געווען דער אנהויב פון א נייער עפאכע אין ציוניזם.

עס זענען דא דאקומענטאלע באווייזען, אז אין 1929 איז געמאכט געווארען א קאמבינירטע אטאקע אויף אלע פראנטען און אלע מעגליכע צענטרען, כדי מיט א מאל דעם ציוניזם און דעם ישוב אין ארץ ישראל אפצואווישען. די שונאים האבען זיך דערשראקען פאר דער וואקסענדער מאכט פון ציוניזם און האבען פארשטאנען, אז אויב זיי וועלען דעם ציוניזם יעצט ניט אומברענגען, וועלען זיי עס שפעטער זיכער נישט קענען טאן.

דער ישוב אין ארץ ישראל פיהלט זיך שטארקער נאך 1929

און דער ישוב אין ארץ ישראל און די ציוניסטישע כוחות האבען אויף יעדען פלאץ די אטאקע צוריקגעשלאגען בעסער ווי אידען האבען געגלויבט, אז זיי זענען פעהיג עס צו טאן.

דער ישוב פיהלט זיך היינט הונדערט מאל שטארקער, ווי איידער די אנפאלען, און ווי האט דערקלעהרט א פראמינענטער בריטישער שטאטסמאן: — "דאס איז געווען די ערשטע פראבע פון ציוניזם", און ער האט די פראבע אויסגעהאלטען.

דר. גאלדמאן דערקלעהרט, אז נאך די אלע גזרות, ווייסע פאפירען און בריעף, איז ענגלאנד נאך געווען גענוג לאיאל צו די אידען.

"עס איז לייכט צו דערגרייכען נצחונות", רופט אויס דער רעדנער, "אין א וועלט, וואס איז פול מיט סימפאטיעס. עס איז אבער א שטארקערער באווייז אויף דעם גרויסען כוח פון ציוניזם אונזערע וויכטיגע דערגרייכונגען אין א וועלט, וואס איז פול מיט שונאים צו אונזער אידעאל".

גינסטיגע באציהונגען מיט דער ענגלישער רעגירונג

די פארהאנדלונגען מיט דער ענגלישער רעגירונג ווערען אנגעפירט, אזוי ווי עס וואלט קיינמאל קיין "ווייסער פאפיער" גאר ניט ארויסגעגעבען געווארען. די יעצטיגע ענגלישע רעגירונג איז פיעל גינסטיגער געשטימט צו אונז, ווי די פריהערדיגע רעגירונג. דער היי קאמישאנער איז דער בעסטער, אויף וויפיעל מען קען יעצט שוין זאגען מיט זיכערקייט, וואס מיר האבען געהאט אין ארץ ישראל, און די יעצטיגע פאליטישע סיטואציע וועט ברענגען א מעגליכע פארשטארקערונג פון אונזערע פאזיציעס סיי אין ארץ ישראל, סיי אין לאנדאן.

"מיר שטעהען יעצט", פארענדיגט דר. גאלדמאן, "ביי אן אנהויב פון א פינפטער עליה".

דר. גאלדסטיק'ס באריכט

די רעדנער, וואס האבען גערעדט פאר דר. גאלדמאן, האבען מערהסטענס באלויכטען די לאקאלע באדינגונגען אין ציוניזם.

דר. גאלדסטיק, וויס פרעזידענט פון אנטאריאר ציוניסטישען ראיאן, האט אפגעגעבען א באריכט וועגען די דערגרייכונגען פון דעם ראיאן און וועגען זיינע צילען. ער האט ערקלעהרט די אידעאלאגישע סיבות פון דעם ראיאנ'ס אנשטעהן און דערצעהלט, וועגען דער וויכטיגער ראָל, וואס מ. וו. ווייסנאל האט געשפילט אין ארגאניזירען איהם.

ראבי דזש. שווארץ, דער נייער עקזעקוטיוו דירעקטאר פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע אין קאנאדע, האט געהאלטען א פראקטישע רעדע, אין וועלכער ער האט אויפגעפאדערט די ציוניסטען ארויסצוהעלפען איהם אין דער ארבייט, צו וועלכער ער זאגט צו געטריי און מיט אלע־זיינע כוחות זיך איבערגעבען.

עס באגריסט די דעלעגאטען אין א קורצער רעדע מ. געלבער, וויס־פרעזידענט פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע אין קאנאדע.

לואי פיטש, פון מאנטרעאל, האלט א לענגערע קלוגע און געלונגענע רעדע, אין וועלכער ער צושטערט די איינרעדעניש, אז דער אנטאריא ראיאן איז געקומען צו מאכען מחלוקת. עס זענען דא מענשען, זאגט ער, וואס מיינען, אז וואס עס קומט ארויס פון מאנטרעאל, איז הייליג, און אז, וואס עס קומט פון טאראנטא איז גאר ניט, איז בונט.

ער געהט שפעטער איבער צו רעדען מיט באגייסטערונג וועגען דעם "איינציגען ליכטיגען פונקט" אויף דעם אידישען האריזאנט, — ארץ ישראל, און רופט אלע אנוועזענדע פאנאנדערצוטראגען דעם רוף צו פארשטארקטער טעטיגקייט.

ווייסנאל רופט צוריק צו צילען פון ערשטען ציוניזם

מאיר וו. ווייסנאל האט אין זיין באגייסטערנדער רעדע גערופען צוריק צו דער אידיאלאגיע פון אמאליגען ציוניזם, וועמעס הויפט ציעל איז נישט געווען בלויז אויפצובויען ארץ ישראל, נאר אויסצובילדען און דערציהען ציוניסטיש דאס אידיש פאלק.

ווייסנאל פאלט ביטער אן אויף די, וואס שטעלען אוועק פריוואטע איניציאטיוו געגען נאציאנאלען קאפיטאל און נאציאנאלע אויפטואונגען אין ארץ ישראל אהן די צוגרייטונגען פון דעם נאציאנאלען פארמעגען פון קרן היסוד, דעם אידישען נאציאנאל פאנד און הדסה, וואלט נישט מעגליך געווען קיין פריוואטע איניציאטיווע אין לאנד.

וועגען די ראביים, וואס פרעדיגען נאר אלץ וועגען א מיסיע פון אידישען פאלק, זאגט ווייסנאל, אז "מיר האבען איין מיסיע, צו לעבען, און דאס דערגרייכען מיר מיט אונזער אידישען נאציאנאליזם און אויפבוי ארבייט אין ארץ ישראל.

אנטאריא שאפט העלפט פון ציוניסטישע פאנדען מיט קלענערע הוצאות

דער פינאנציעלער באריכט, צוזאמענגעשטעלט און געלייענט פון מר. בערנארד וואיז, דערצעהלט וועגען 52.124.92 דאלאר, וואס איז געשאפען געווארען אין 1931 אין אנטאריא. פערציג פראצענט פון דער אלגעמיינער סומע, וואס איז דעם יאהר געשאפען געווארען אין גאנץ קאנאדע.

טאראנטא האט געשאפען 59 פראצענט פון דעם וואס איז געשאפען געווארען אין אנטאריא.

מרס. דונקעלמאן ציינט אן, אז אין די לעצטע צוויי יאהר האט אנטאריא געשאפען ארום א העלפט פון דאס גאנצע געלט, וואס איז געשאפען געווארען אין קאנאדע פאר ציוניסטישע צוועקען און אויף די געשאפענע 143.670 דאלאר זענען געפאלען בלויז 20.560.65 דאלאר הוצאות, ד. ה. 14 פראצענט, דאן ווען די הוצאות האבען אין די אנדערע ציוניסטישע דיוויזשאנס אין קאנאדע באטראפען א פיעל גרעסערען פראצענט.

אז דער אנטאריאר ציוניסטישער ריאן פראטעסטירט אויפ'ן העפטיגסטען אופן געגען דער האנדלונג פון דער פאלעסטינער אדמיניסטראציע פאר צונעהמען פון דעם אידישען נאציאנאל פאנד א טייל פון דעם בארען פון עמק השרון (וואדי־האווארית) און אוועקגעבען עס אויף א געוויסער צייט צו אראבער — איז איינע פון די וויכטיגסטע רעזאלוציעס וואס איז אנגענומען געווארען נעכטען ביי דעם צווייטען יערליכען צוזאמענפאר פונ'ם "ריאן".

דער דאזיגער בארען אין פאלעסטינע איז אויסגעלייזט געווארען פון די קאנאדער ציוניסטען ביי דער וויניפעגער קאנווענשאן.

ארום דער דאזיגער רעזאלוציע וועלכע איז פארגעלייגט געווארען ביי דער

(פארזעצונג אויף פיידזש 3)

די טעלעפאן נומערען פון „אידישען זשורנאל" זיינען: עדעלייד 7424 און עדעלייד 7425

אויפ'ן גליטשיגען וועג

א שפאנענדער ראמאן פון אידישען לעבען אויף דער זייט ים

געשריבען פון פארפאסער פון "אונטערוועלט"

מארק סאנדעל

(נאכדרוקען פארבאטען.)

(פארזעצונג)

— איך?

— ווער דען אז ניט דו? — האט זי געקוקט אויף איהם מיט א פייערדיגען בליק — ביזטו ניט געקראכען צו מיר ווי א חזיר פאר דער מיידעל אין די אויגען?

סעם האט ווידער געפיהלט ווי דאס בלוט גיט א קאך אין איהם. און ווידער האט ער זיך באמיהט זיין כעס צו דערדריקען.

— איך גיב צו — האט ער געזאגט אין א שטילען טאן — אז איך בין באגאנגען א פעהלער. האב איך זיך דאך אנטשולדיגט פאר דיר...

— אבי דו האסט זיך אנטשולדיגט!

— האט מאריע זיך אנגעבלאזען — ווער דארף דיין אנטשולדיגונג? און ווער דארף דיין ליבע? איך בין שוין מיד פון דעם.

— מאריע! — האט סעם אויסגערופען מיט א הייזעריג קול.

— יא, יא, מאריע, דאס בין איך!

— האט זי געענטפערט מיט א טראציגער שטימע — איז וואס ווילסטו? איך שרעק זיך פאר דיר, מיינסטו?

סעם איז צוגעקומען נעהענטער צו איהר און האט איהר אריינגעקוקט אין די אויגען.

— און איך וויל דיר זאגען, מאריע — האט ער נאך אלץ געזוכט זיך צו באהערשען — אז דו זאלסט אויך אביסעל אנדערש רעדען מיט מיר, איבערהויפט אין דער אנוועזענהייט פון דיין דינסטמיידעל.

— אט געה איך זיך צוהערען וואס דו רעדסט! — האט זי אויסגערופען בייז און איז ארויס אין פראנט צימער.

סעם איז געבליבען זיצען אזוי ווי א דערשלאגענער. וואס איז דאס היינט פאר אן אומגליקליכער טאג? האט ער געטראכט. איין שלימזל נאכ'ן אנדערען. פריהער א קויל, דערנאך עדי'ס אוועקגעהן. איצט א קריעג מיט מאריע'ן — מיט וואס וועט זיך דאס אלץ ענדיגען? און ער האט דאך אזוי פיעל ארויסגעקוקט אויף דעם היינטיגען אווענט. ער האט דאך אזוי פיעל פרייד ערווארט פון דעם יום־טוב'דיגען דינער... אך, אדעלע, אדעלע... האט ער געטראכט מיט ווייטאג. ניטא יענע צייטען, ווען דו האסט מיט דיין ליעבליכקייט באשיינט מיין טיש...

ער האט זיך אויפגעהויבען. ער וועט מאכען נאך א פארזוך. ער וועט לאזען זיינס איבערגעהן, ער וועט זי איבערבעטען. עס איז פארט היינט טיינקסגיווינגדעי, און אפשר איז זי גערעכט וואס זי איז ברוגז אויף איהם. אפשר האט ער טאקע געדארפט אנדערש זיך אויפפיהרען פאר דער דינסטמיידעל אין די אויגען.

א, ווען ער וואלט איצט געהאט עפעס א שעהנע מתנה ביי דער האנט... ער וואלט זי מיט דעם שוין ווי עס איז איבערגעבעטען. פארוואס איז איהם דאס ארויס פון קאפ?

און ווידער איז איהם דורכגעלאפען דורכ'ן קאפ:

עך, אדעלע, אדעלע... צו איהר האט מען קיין מתנות ניט געדארפט האבען זי איבערצובעטען. א קוש איז גענוג געווען, און ווען האט אדעלע זיך דען געברוגז'ט? ניין, ער קען זיך גאר אזא זאך ניט דערמאנען.

מאריע האט דערווייל גענומען דעם טעלעפאן אין דער האנט. סעם האט געהערט ווי זי האט זיך געהייסען געבען דעם נומער פון זייער געשעפט. וועמען קען זי דארט רופען? האט ער געטראכט. מאריע האט געקלונגען און געקלונגען, אבער קיין ענטפער איז פון דארט ניט געקומען. סעם האט אויסגענוצט דעם מאמענט און איז צוגעקומען נעהענטער צו איהר.

— וועמען רופסטו, מאריע? האט ער געפרעגט מיט א ווייכער שטימע.

— ניט דיין זאך! — האט זי געענטפערט בייז.

סעם האט געפרובט אנהאלטען זיין שמייכעל.

— הער, מאריע, — האט ער געזאגט צו איהר — צו וואס זאלען מיר זיך פארשטערען דעם היינטיגען אווענט? עס איז אזא שעהנער יום־טוב. איך האב ליעב דעם היינטיגען טאג.

— איז וואס ווילסטו? — האט מאריע געפרעגט אומגעדולדיג.

— זעה — האט סעם געזאגט — אלץ איז ביי אונז צוגעגרייט אויף דעם שעהנסטען אופן. א הוכער דינער ווארט אויף אונז. פארוואס זאלען מיר זיך קריגען.

— ווער דארף דיין דינער? — האט מאריע אלץ געקאכט זיך — אפילו דיין זוהן וויל מיט דיר ניט פארברענגען.

סעם האט דערפיהלט ווי זי וואלט איהם א שטאך געטאן מיט א שארף מעסער.

— דו ווייסט? — האט ער אויסגערופען.

— איך האב אויערען, הער איך! — האט זי געענטפערט מיט א שארף קול, אזוי ווי אלץ מעהר איהם וועה צו טאן.

סעם האט זיך דערפיהלט אזוי ווי א געשלאגענער הונט. ער האט אויף איהר געקוקט מיט געבעט אין די אויגען.

— מאריע... — האט ער שטיל געזאגט.

— וואס ווילסטו?

— פארוואס ביזטו בייז אויף מיר?

— לאז מיך צורוה.

— קום אהער, צום טיש.

— טשעפע זיך אפ פון מיר.

— מאריע, איך בעט דיך!...

אזוי פיעל ווייכקייט און געשלאגענקייט איז געווען אין זיין קול, אז אפילו מאריע האט זיך אויף א ווייל אומגעקוקט אין זיין זייט.

— וואס ווילסטו? — האט זי אויסגערופען.

— זעה — האט ער געזאגט — מיר האבען אזא שעהן היים, און דער טיש איז אזוי פיין געגרייט... איך האב געמיינט אז מיר וועלען אלע...

(פארזעצונג פאלגט)

מעדיצינען ווערען געגעבען פריי

דעם גאנצען חודש אפריל

אין

ראטבארט'ס

צוליעב דער שלעכטער עקאנאמישער לאגע און גרויסער ארבייטסלאזיגקייט וועלען מיר געבען **מעדיצין פריי** אויף יעדען "פרעסקריפשאן" וועלכער וועט אונטערגעשריבען ווערען פון יעדען דאקטאר, אז די באטרעפענדע קענען ניט צאלען. באמערקט וועגען דעם אייער דאקטאר. ברייננגט דעם פרעסקריפשאן צו

ראטבארט'ס דראג סטארס
קארנער דאנדעס און אגוסטא עוועניו. נייער טעלעפאן:
עדעלייד 6201

676 קווין סט. וועסט. עדעלייד 2800

אפיס טעלעפאן: עלגין 3641.
הויז טעלעפאן לאידברוק 4758.

לאיער נייטען פהיליפס קיי. סי.

און קאמפאניע

NATHAN PHILLIPS, K.C.

אימפעריאל באנק בילדינג
171 יאנג סטריט
קארנער יאנג און קווין סט.
אפיס שטונדען: פון 10 פריה ביז 6 נ. מ.

אפיס טעלעפאן: עלגין 1619
נאך אפיס שטונדען: טריניטי 1446.

לאיער

ה. ס. מאנדעל

פון
גודמאן און מאנדעל
באריסטערס, סאליסיטארס א. אז. וו.
רומס 40—41 אימפיריאל באנק בילדינג 171 יאנג סטריט

אפיס: 45 ריטשמאנד סט. וועסט
705 סענטראל בילדינג.
אפיס טעלעפאן: ווייווערלי 1748
ווייווערלי 1749
הויז טעלעפאן קינגסדייל 8419.

לאיער ב. ווינבערג ב.א.

באריסטער, סאליסיטאר, נאטערי פאבליק
געלט צו לייען אויף מארגיידזשעס.
מארגיידזשעס געקויפט.

אפיס: 45 ריטשמאנד סט. וועסט
904-905 סענטראל בילדינג
אפיס טעלעפאן: עדעלייד 3083
הויז טעלעפאן: טריניטי 1078

לאיער סאול אייזען ב.א.

SOL. EISEN, B.A.

באריסטער, סאליסיטאר, נאטערי פאבליק
געלט געליהען און אינוועסטירט אויף מארטגעדזשעס



אונטערזוכט אייערע אויגען, און קריגט די ריכטיגע גלעזער. דער איינציגער ספעציאליסט, וועלכער איז אויטאריזירט פון גאווערמענט אלס

אפטאמעטריסט און אפטישען

דר. הענרי הערריס

279 קאלעדזש סט.
(לעבען ספעדיינע)
אפען ביז 9 אוהר אווענט.

Dr. Henry Harris
EYESIGHT SPECIALIST
Phone Trinity 6604
279 College St. near Spadina
Open until 9 p. m.

פיינטינג, פייפער הענגינג

מיר דעקארייטען אייערע רומס פאר 5 דאלאר א רום, מיט אונזערע פייפער. טעלעפאנירט גלייך: — לאמבארד 6951.

דעקארייטאר פיינטינג און פייפערהענגער

הייזער, אפארטמענטס, סטארס און אזוי ווייטער. אויך אויטסייד פיינטינג. קוואליטי סערוויס. פרייז ריזאנייבעל. טעלעפאן לייקסייד 2150.

526-4-28)

אקאונטענט־בוקקיפער

12 יאהר עקספיריענסד, וועט פיהרען אייערע ביכער טייל־צייט, אדער אודיטען פאר מעסיגע פרייזען.

אינקאם טעקס רעטורנס פיילד.

א. א. גאלדענבערג
75 האמוואוד דרייוו
הילקרעסט 7504W.

פיינטער און דעקארייטאר

אויב איהר ווילט זיין צופרידען פאר אייער געלט, ווען איהר געהט דעקארירען אייער הויז, רופט אפ ווייווערלי 6915. ספעשעל פרייזען פאר גרויסע דזשאבס. צופרידענהייט גאראנטירט.

819-4-28)

פייפערהענגינג און פיינטינג

מיר דעקארירען אייערע רומס פאר 5 דאלאר און העכער מיט אונזער פייפער. ארבייט גאראנטירט. טעלעפאנירט גלייך לאידברוק 2350.

650-5-2)

מרס. דאגלאס

אנאנסירט, אז פון יעצט אן זענען די טשארדזשעס פאר

טעלעגראפירען געלט

קיין אייראפא און טארגסין
ארדערס קיין רוסלאנד

בלויז 25 סענט

גרויסע בארגיינס אין שיפסקארטען פון קענעדע נאך יוראפ און צוריק.

ROYAL TICKET OFFICE
153 קווין סטריט וועסט
טעלעפאן עדעלייד 2047

פארלאנגט

פארלאנגט אלערליי הינטלאך, בעסטע פרייזען געצאהלט. טריניטי 3155 דזשיי.

825-4-20-24-26)

יונגער קענעדיען, אידישער סיילסמאן, מיט גוטען אויסזעהן, עקספיריענסד, האט אן אייגענע קאר, זוכט פאזישאן וואו געלעגענהייטען זענען גוט. קיינע אבדזשעקשאנס צו שווערע ארבייט. פאר אינטערוויו, מר. וו. ק. וואסערמאן, 177 גריים סטריט.

925-4-20-24-26-29)

יונגער דייטשער מאן זוכט בלעקסמיט ארבייט, עקספיריענסד פון אלד קאנטרי, אדער אויך אנדערע ארבייט. מר. טהאס, 42 סאליוואן סטריט. טעל. עלגין 4965.

928-4-25)

מיר מופען פאר $1.25 א שטונדע מיט צוויי פאראנטווארטליכע מענשען. מידוועי 7543.

947-24-26-1)

פארלאנגט אן עקספיריענסד דעזיינער אויף ליידיס קאוטס. דער ריכטיגער פערזאן וועט האבען א סטעדי פאזישאן. שרייבט באקס 192.

968-4-26)

צו פארקויפען

גרויסע קעש פרייזען באצאהלט פאר אלערליי הינטלאך. טעלעפאנירט היינט, קינגסדייל 7104.

904-4-25)

צו פארקויפען א טיילארינג, קלינינג און פרעסינג ביזנעס. זעהר ביליג. 10 קלינטאן סטריט.

934-4-25)

דער גרעסטער בארגיין צום שנעלען קויפער, גראסערי און טאבעקא סטאר, שעהנסטער געגענד אין שטאדט, קארנער סטאר, ארום צוויי סקולס. מוז גלייך אוועקפאהרען. טעלעפאנירט לאמבארד 4308.

970-4-26)

זעלטענע ביזנעס געלעגענהייט

צו פארקויפען איינע פון די בעסטע שניידער און קלינינג שעפער אין טאראנטא. איינגעטרייט 6 יאהר. ביליג רענט, לאנגער ליעס. באהייצט, וויל סאקריפייסען צוליעב קראנקהייט. פרעגען סילווער, 1022 דענפארט עוועניו.

944-4-26)

ראדיאס פריי

טעסטעד אין אייער היים. אייערע אלטע ראדיאס געפיקסט ווי ניי. גאראנטירט פאר 90 טעג.

מר. פעלדשטיין רענדאלף 2018

צופרידענהייט גאראנטירט.

2251-5-15)

ליידיס העטס 59ס.

זעהט די סייווינגס!

מענער העטס 59ס.

מענער סוטס

און איבערמאנטלען
דריי קלינד און געפרעסט

59ס

זיידענע דרעסעס
פלעין, פענסי אדער פליטעד.
75 סענט

ליידיס קאוטס
איינשליסענדיג פאר געטרימטע
79 סענט

MAJESTIC CLEANERS .. VETERAN CLEANERS

הילקרעסט 1333—1334
טעלעפאנירט אירגענד וועלכען נומער
האדסאן 6891—7734

פריי גענומען און דעליווערט אין יעדען טייל פון שטאדט

צו פאררענטען

צו פארענטען אן אפ־טו־דייט מאדערן סטאר אויף קאלעדזש און גרייס סטריט, אלע קאנוויניענס, בעסטער ביזנעס סעקשאן, ריזאנייבעל רענט. פרעגען טעל. טריניטי 7850.

946-4-25)

צו פארענטען א באהייצטע אפער דופלעקס, אלע מאדערנע קאנוויניענס, 5 אדער 7 רומס, הארדוואוד פלארס דורכאויס. 276 קראפארד סטריט.

954-4-25)

צו פארענטען 4 רומס, הארדוואוד פלארס, בליינדס און פיקטשורס, אויל־קלאזעט אין קיטשען. 205 מיידזשאר סט. אדער קינגסדייל 8179.

940-4-25)

צו פארענטען 3 אדער 4 רומס, הייקלעס דעקארירט, אלע קאנוויניענס ביי א שטילער פאמיליע. 607 מארקהאם סט. מעלראז 4571.

938-4-25)

צו פארענטען א 9 רומיגע הויז, א סאן רום און זומער קיטשען, א גאראדזש פאר 2 קארס. פרעגען 233 פאלמערסטאן עוו.

937-4-25)

צו פארענטען א פלעט פון 4 רומס, הארדוואוד פלארס, א גרויסע באזונדערע ווארענדע, און אלע אנדערע קאנוויניענס. 427 יוקליד עוו. טריניטי 3534 דזשיי.

922)

צו פארענטען א שעהנעם פלעט פון 3 רומס, מיט אדער אהן גאראדזש. אלע קאנוויניענס. 239 גריים סטריט. טעל. טריניטי 1455.

966-4-29)

צו פארענטען א פלעט פון 4 אדער 3 רומס, הארדוואוד פלארס, סאן רום, דאבעל ווארענדע, אלע קאנוויניענס, ניי דעקארירט, רעדי אריינצומופען. 189 מיקאל סטריט.

969)

יוניווערסאל 50 סענט טעקסי

אלע נייע 6 סילינדער סידאנס. דער איינציגער ביליגסטער אידישער טעקסי קעב [illegible]. ספעשעל פרייזען פאר חתונות און לויות. לאמבארד 1155.

649-5-2)

לייענט אלע! לייענט אלע!

פאר אייער אייגענעם בענעפיט
א נייע אידישע

סיין שאפ

האט זיך געעפענט אונטער'ן נאמען:

פראגרעס סיינס

207½ דאנדעס סט. וועסט
טעלעפאן עדעלייד 9982

מיר מאכען פארשידענע ארבייט אין אידיש און ענגליש

גרויסע פארטרעטען
פון קליינע פיקטשורס
אלץ האנט ארבייט

ספעציעל אידישע סיינס פאר סאסייטיס, שולען, ארגאניזאציעס א. ז. וו.

אונזער ארבייט איז שעהן, עסטעטיש און גאראנטירט, ביליגע פרייזען.

קומט און איבערצייגט אייך
אייגענטימער.
ט. גרינבלאט ה. פרידמאן

חזן ב. זולאדאווסקי



סיניגיש געשולטער סוירדזשען

מוהל

— אויך —

מאדערנער מסדר קדושין

סוירוויסעס אין ענגליש

עלטערען פון קינדער זאלען דאס נעהמען אין אנבעטראכט, ווייל דאס איז דער בענעפיט פון זייערע קינדער

קאנטרי לייט קענען מיך אויך רופען צו זייערע שמחות. איך וועל קיינעם ניט ענטזאגען צו קומען.

וואוינונג 62 בראנזוויק עוועניו.
טעלעפאן קינגסדייל 5832.
[illegible]

חפצ'ם

"טארגסין"

ארדערס אויף פסח ווערען טעלעגראפירט

צו וואס שיקען טארגסין ארדערס, ווען מיר טעלעגראפירען עס פאר 25 סענט? בילינגסטע פרייזען אין שטאדט.

חפצ'ם שיפס קאנטאר
דעליווערט מיט פולער גאראנטיע
פסח'דיגע שפייז פעקלאך
(מצה, מעהל, צוקער)
"טארגסין" פעקלאך, אויך דאלארען איבעראל טעלעגראפיש בלויז 25 סענט
1000 צופרידענע קאסטימער
הונדערטער אונטערשריפטען!
קומט אדער טעלעפאנירט:

חפצ'ם שיפס קאנטאר
DOMINION TICKET OFFICE
143 QUEEN ST, WEST
ADELAIDE 5971

חפצ'ם

שיפס־קאנטאר אנאנסירט

גרויסע בארגיינס

— אין —

שיפסקארטען

פון קענעדע
— נאך יוראפ און צוריק

עס וועט זיך אייך לוינען ווענדען זיך צו חפצ'ן אדער טעלעפאנירען איהם וועגען אינפארמאציע.

באראט זיך מיט מיר יעצט וועגען אימיגראציע פראגען.

חפצ'ם שיפס קאנטאר
DOMINION TICKET OFFICE
143 QUEEN ST., WEST
ADELAIDE 5971

פאטראניזירט די איינציגע אידישע ווינדאו קלינינג קא.

NEW YORK WINDOW CLEANING CO.
N.Y. WINDOW CLEANING CO.

מיר אטענדען צו אלערהאנד הויז, פעקטארי, אפיס און סטאר קלינינג. בעסטע ארבייט צו די ביליגסטע פרייזען. מיר מאכען קאנטראקטען מאנאטליך און יעהרליך. 422 בעי סטריט. טעלעפאן עדלייד 3087. נאך 7 אווענטע, טריניטי 6520־עם.

NEW YORK
WINDOW
CLEANING CO.
422 BAY ST.

קאנגא

מעדיצינען

ליידט איהר פון עקזימא, הויט־קראנקהייט, דאן נוצט דעם וואונדערבארען זאלב קאנגא־סעוו. ליידט איהר פון רהומאטיזם, שטייפע גליעדער, רייבט זיך איין מיט קאנגא, לינימענט. צו באקומען ביי סינגער ברידער (דראגיסטען) 26 קווין א. טעלעפאן עלגין 7512. מיר דעליווערען און שיקען ביי מעיל, אלס פריי.

SINGER BROS.
DRUGGISTS
26 QUEEN ST. EAST
TEL. ELGIN 7512

ליידט איר פון א ברוך?

(ראפטשורד)

א גוטע טראס [illegible] צוגעפּיט, באקומט איהר נאר ביי די סינגער ברידער, זיי זיינען די איינציגע אידישע אגענטען פון די גרעסטע טראס קאמפ

נייעס ביי אונז אין שטאדט

אייער צו אכטצעהן סענט דאָזען האניג — פופציג סענט פאר פינף פונט

טאראנטא דארף זיך נישט באקלאגען אויף די צו הויכע פרייזען אויף פארם פראדוקטען. באקלאגען דארפען זיך די פארמערס.

אין איסט יארק מארקעט אויף דענפארט עוועניו זיינען שבת פארקויפט געווארען פרישע פארם אייער צו 18 און 20 סענט א דאזען. א פינף פונטיגע טין מיט קלאווער האניג האט מען פארקויפט צו 50 סענט; לעטוס — פינף סענט; גרינע ציבעלעס — צען סענט פאר פיר באנטשעס.

פון די טייערע ארטיקלען זיינען געווען גרינע אוגערקעס — צו 25 ביז 35 סענט א שטיק.

פוטער איז פארקויפט געווארען צו 25 און 27 סענט א פונט.

קינד שטארבט דריי שעה נאך איבערגעפארען ווערען

איבערגעפאהען געווארען פון א טראק לע־ אין דריי שעה נאכדעם, ווי זי איז בען איר הויז אויף 196 ארדזשייל סט., איז די דריי און א האלב יאריגע דאריס באלחווין געשטארבען אין קינדער האס־פיטאל פון א צעבראכענעם שארבען.

דאס קינד האט זיך געשפילט אין גאס מיט אנדערע קינדער און איז ארויס געלאפען אויפ'ן מיטען גאס פון צווישען ווארפען געווארען פון א פארבייפארענ־ צוויי שטייענדיגע קארס און איז אומגע־ דיגער קאר.

דער דרייווער פון דער קאר, רעי־דזשינאלד ענדזשעל, האט דאס קינד אפגעפירט צו א דערבייאיגען דאקטאר און פון דארט אין האספיטאל פאר קראנקע קינדער. אן אפעראציע, וואס מען האט באלד דורכגעפירט, האט נישט געקענט ראטעווען איר לעבען.

מאן און פרוי טויט ווען קאר קערט זיך איבער

א טאראנטא'ר מאן און א פרוי זיי־נען דער'הרג'עט געווארען אויף דעם סא־טאן ניו מארקעט וועג עטליכע מייל פון קווינסוויל ווען זייער קאר האט ביי א שארפען אומדריי אין וועג אריינגעפארען אין גראבען זיך איבערגעקערט האט זיך אויסגעלייכט און איז צוריק ארויפגעפא־רען אויפ'ן שאסיי.

א באס דרייווער האט געטראפען דער באשעדיגטער קאר מיט די צוויי באוואוסטלאזע קערפער אין 15 מינוט נאכ'ן עקסידענט.

דער מאן אלפרעד סטאק 24 יאר אלט פון 74 ארטשארד פארק בולווארד איז געשטארבען אין ניו מארקעט האס־פיטאל אין א צוויי שעה נאכדעם ווי מען האט אים געבראכט אהין. די פרוי מרס. א. העל 36 יאר אלט פון 393 קאקסוועל עוועניו איז אויסגעגאנגען אין פופצען מינוט שפעטער.

"ספרינג רעוויו" פאלשטענדיגער דורכפאל מענעדזשערס באנקראט

מארש בראס. לימיטעד, טאראנטא, די ארגאניזאטארען און מענעדזשערס פון דעם פיל אדווערטייזטען באריהמטען ספרינג רעוויו, וואס איז פארגעקומען דעם 15־טען אפריל, האבען זיך דערקלערט באנקראט און האבען איבערגעגעבען זייער פארמעגען לטובת זייערע בעלי חובות.

די קאמפאני האט אנגעגעבען דעם אפיציעלען רעסיווער אין אסגוד האל, א. ע. לעגאקס, אז אירע שולדען באטרעפען 15,371.70 דאלער.

צווישען די גרעסטע בעלי חובות זיינען: די קאלאמביא ארטיסטען ביורא, ניו יארק, 5,340 דאלער; לואידזשי ראַמאנעלי, 3,300 דאלער; סטיישאן סי. עף. אר. בי., 3,300 דאלער; סטיישאן סי. קיי. דזשי. דאבעליו, 1914 דאלער; און די 4 טאראנטאר ענגלישע צייטונגען, צו 16 און 17 הונדערט דאלער.

דער סך הכל פארמעגען זייערער באשטייט פון 2,500 דאלער, וואס מען איז זיי שולדיג און פאר עטליכע הונדערט דאלער אפיס איינריכטונג.

עקסקורשאן קיין טאראנטא פון פארשידענע שטעט אין אנטעריא

דער דערפאלג פון דער עקסקורשאן פון טאראנטא קיין מאנטרעאל האט באוואויגען דער סי. פי. אר. איינצוארדנען אן ענליכע עקסקורסיע פון פארשיידענע פונקטען אין אנטעריא קיין טאראנטא.

שבת, דעם 7־טען מאי וועלען עקסקורשאן צוגען אפפארען פון בעלוויל און פון לאנדאן, אויפנעמענדיג פאסאזשירען אויף די סטאנציעס אויפ'ן וועג קיין טאראנטא.

ווען רויטער פעפער ברענט איז שווער צו לעשען

דער געדיכטער רויך צוליב טויזענטער פונטען פון ברענענדיגען רויטען פעפער, האט שווער געמאכט דאס קעמפען מיט'ן פייער, וואס איז אויסגעבראכען אין קעלער פון דער געביידע אויף 111 קינג סט., איסט.

דארט געפינט זיך די סחורה פון די פאסקאל ברידער, האלסייל גראסערס. די אורזאכע פון פייער איז נאך נישט פעסט געשטעלט.

דער שאדען צום סטאק באטרעפט עטליכע טויזענט דאלער. די געביידע האט געליטען שאדען אויף א 500 דאלער, און די דערבייאיגע סט. דזשיימס קאלעדזש קאמפאני האט געליטען שאדען פון דעם רויך.

פסח-דער יום טוב פון פרייהייט

פון הרב חיים גירען

אויב פרייהייט איז דער העכסטער אידעאל, דער הייעסטער וואונש, דער שטארקסטער באגער פון א מענש, ווי פון א פאלק, אן אידעאל, פאר וועלכען קיין קרבן איז צו גרויס, (און אז מענשענקינדער, פעלקער, נאציעס, האבען אין משך פון יארהונדערטער און יארטויזענטער מקריב געווען דאס ליבסטע און טייערסטע צוליב דעם אידעאל, איז א זייער באוואוסטער פאקט, וועלכער דארף קיין ספעציעלע באווייזע), — דאן איז יום־טוב פון פרייהייט דער וויכטיגסטער יום טוב אין אונזער לעבען.

עס איז דאך א מערקווערדיגע זאך, ווי אזוי דיזע פרייהייט איז אנטשטאנען. מען קען דאך אויף איר מיט רעכט זאגען 'מעז יצא מתוק', פון דעם סאמען קוואל פון דעם ערגסטען דעספאטיזם, פון דעם שרעקליכסטען איינגעפונדעוועטען סארט שקלאפעריי, פון א לאנד, וואו עס האבען געהערשט בלויז 'דאס קעניגליכע הויף פון די פריסטער', — אט פון אזא מין ביוראקראטיע איז צום ערשטען מאל אין דער וועלט'ס געשיכטע, ארויסגעשפרונגען די פרייהייט.

אודאי וויסען מיר פון פארשיידענע קאטאסטראפעס, רעוואלוציעס, וועלט איבערקערענישען, יעדע איינציגע וועלכע האט געשאפען עטוואס גרויסעס, עטוואס נייעס, נייע אידעען, נייע באגריפען, נייע וועלט־אנשויאונגען, אבער דער סארט עמאנציפאציע בלייבט א יחיד במינו. קיינע פון די שפעטערדיגע פרייהייט'ס רופען, וועלכע זענען אויך געווען א דירעקטער רעזולטאט פון דיזער, קענען זיך ניט פארגלייכען מיט איר אין וויכטיגקייט און באדייטונג.

זי איז געווען דער ערשטער שטויס ארויפצופיהרען די וועלט אויף דעם וועג פון פרייהייט. זי האט אנטדעקט די מענשענקינדער א נייעם געדאנק, פון וועלכען די וועלט האט נאר נישט געוואגט צו חלומ'ען. אלעס איז געווען געזונקען אין שקלאפעריי טיף אין די ענ'ט שערי טומאה, אז 'אין עבד יכול לברוח ממצרים' און פלוצלונג — א פרייהייטס רוף, א פאלק געהט ארויס פריי. די ערשטע דערפארונג פון אזא דערשיינונג אין דער וועלט'ס געשיכטע.

און ווילענדיג ניט ווילענדיג פרעגט זיך: וואס איז די אורזאך וועלכע האט אזא זאנדערבארע דערשיינונג דערמעגליכט? דערויף ענטפערען שוין אונזערע אלטע חכמים: 'בזכות שלשה נגאלו, בזכות שלא שנו את שמם ולא נו את לשונם ולא שנו מלבושם'. אין אנדערע ווערטער הייסט עס, ווייל די אידען דעמאלט האבען טראגען זייער פארשקלאפונג באזעסען זייער אייגענעם 'איך', זיי האבען נישט געזוכט צו אסימילירען זיך צווישען די מצרים, האבען נישט געהאט די אמביציע צו אויפגעבען זייער אידענטום דורך אויסלייזען זיך, ווי עס איז, ליידער, דער פאל מיט דעם גרעסטען טייל אידען אין אונזער היינטיגען דור. מיט מענשען, וועלכע האבען זיך אליין, קען מען ימים שפאלטען, אפילו הימלען קען מען מיט זיי שפאלטען, אנדערש איז אבער, ווען מען האט צו טאן מיט מענשען, וועלכע באזיצען אנטאט קוראזש און מוטה, א שפלות עפיהל (אינפעריאריטעט קאמפלעקס).

מיר שטייען אפשר היינט אויך אויף דער שוועל פון גאולה, אבער דאס פאלק איז נאך גאנץ ווייט און קוקט גלייכגילטיג צו דעם זייער לאנגען פראצעס פון באפרייאונג, פיהלען נאך נישט די ערנסטקייט פון דעם מאמענט, די התחייבות, וואס איז פון דער השגחה אויף זיי ארויפגעלייגט געווארען; פארשטייען ניט, אז נישט אלע מאל מאכען זיך אזעלכע געלעגענהייטען, און דאס ביסעל אנטייל, וואס זיי נעמען, איז בלויז א נעגאטיווער, נישט קיין פאזיטיווער. דער דרוק פון גלות, דער וואוקס פון אנטיסעמיטיזם דאס ארויסטרייבען און ניט צולאזען אידען צו געוויסע אינדוסטריעס און באשעפטיגונגען, — קורץ, בלויז א רחמנות געפיהל אבער נישט קיין נאציאנאלער געפיהל פון זעלבסט־באוואוסטזיין טרייבט זיי דערצו.

כל זמן עס וועט אונז פעהלען דער געפיהל, קענען מיר נישט דערווארטען אונזער צוקונפטיגע גאולה. האט דאך שוין הערצל לאנג געזאגט "בעפאר די צוריקקעהר צום אידישען לאנד מוז זיין א צוריקקעהר צום אידישען פאלק". זאלען מיר נאר אויפבויען א פאלק, א באוואוסטזיניג פאלק, וועט שוין דאס לאנד זיין גרייט פאר אונז. אונזער חסרון איז, וואס מיר לייגען מעהר געוויכט אויף ארץ ישראל, ווי אויף עם ישראל. ווען א לאנד ווערט חרוב, זאגט ערגעץ אחד העם, — קען עס דאס פאלק צוריק אויפבויען, אבער אז א פאלק ווערט חרוב ווער וועט עס אויפבויען?

זאל דער יום טוב פסח אפפרישען אונזערע אלטע דערינערונגען פון דעם אור־אלטען עבר מיט זיינע גלארייכע זכרונות און סטימולירען אונזערע געפיהלען מיט אויפוואכענדע כחות און נייעם מוטה און שעפפערישע קראפט אנטקעגען צו קומען די דרינגענדע פאדערונגען און אלע שוועריגקייטען, וועלכע שטייען אויף דעם וועג פון באפרייאונג, ווי א שטן צו הינדערען אונזער גאנג, אזוי אריימער צו פארבינדען אונזער שיינעם וואונדערבארען עבר מיט דעם נאך שיינעם און מעהר גלארייכען עתיד.

LYONS' TEA

LYONS' TEA
25¢
BLUE LABEL
LYONS' TEA
HALF POUND NET WEIGHT
J LYONS & CO (CANADA) LIMITED TORONTO

לייאָנ'ס טיי איז צו באקומען ביי דעם נאהענטסטען גראסער און אויב איהר האט עס נאך נישט פארזוכט וועט איהר איבערראשט ווערען פון זיין טעם.

J. Lyons & Co. (Canada) Limited, Toronto

כשר בהשגחת
ועד הרבנים
טאראנטא

א רחמנות

(פאָרזעצונג פון פיירזש 4)

אויף איהר אייזערנער בעטעל איז ניט אויפגעהערט צו טראכטען פון איהר פארגאנגענעם לעבען. מאמענטען — פלעגט זי זיך איינגאנצען פארגעסען אז זי געפינט זיך אין קובא. איהר האט זיך געדאכט אז זי איז אין איהר ליעבער שטעדטעלע וואו אלץ איז איינענס און אלע זיינען פריינד... און דאן אין יענע מאמענטען האט זי זיך העכסט גליקליך געפיהלט. אבער דערפאר פלעגט זי — נאכדעם ווי זי פלעגט זיך באפרייען פון איהרע פאנטאזיעס און חלומות און באגעגנען זיך פנים אל פנים מיט די ווירקליכקייט פון איהר געגענווארטיגען לעבען איהר עלענדקייט פארשטארקען און דער טרויער פלעגט נאך טיעפער און מאסיווער ווערען...

פרייטאג פארנאכט איז זי צוגעגאנגען צום איידעם און דערמאהנט איהם, אז ער זאל באפרייען די ארבייטער ווייל עס איז שוין צייט ליכט בענשען. און זעהר שטארק איז איהר ענטוישונג געווען ווען דער לעצטער האט איהר ערקלעהרט אז די היגע ארבייטער ווילען בעסער רוהען זונטאג און ארבייטען שבת...

— זיי זיינען דאך אידען! — האט זי פארוואונדערט אויסגעשריען.

— יא, אידען! איז געווען דער ענטפער.

— טא ווי קען דאס זיין? האט זי אומגלויבליך אויסגערופען.

— אט פרואווט רעדט מיט זיי — האט ער קורץ און שארף געזאגט.

און ווען די ארבייטער האבען איהר האלב שפאטיש, האלב ערנסט ערקלעהרט, אז זיי ווילען בשום אופן ניט רוהען שבת, נאר זונטאג — ווייל זיי האבען אין דעם טאג שבת ממילא ניט וואס צו טאן, צוליעב דעם וואס די גאנצע וועלט ארבייט דאן — האט זי א טיעפען קרעכץ געטאן און, גארניט זאגענדיג, צו איהר בעטעל צוגעגאנגען פון אונטער וועלכע זי האט איהרע אלטע היימישע צוויי מעשענע לייכטער ארויסגענומען, אויפ'ן קעסטעל, וואס האט איהר פאר א טישעל געדיענט, זיי אוועקגעשטעלט; פרום, פול מיט'ן געטליכען ציטער, ליכט אפגעבענשט און שטארק בארויערענדיג זיך אליין, א מידע זיך אויפ'ן בעטעל געזעצט, פארטיפענדיג זיך אין איהר עברדיגען לעבען.

פרייטאג פארנאכט אין איהר קליין שטעדטעל. איינציגווייז פארמאכען זיך די קראמען פון ארום מארק. די גאס איז ריין אויסגעקעהרט, ווי מען וואלט ערווארט א זעהר חשוב'ן גאסט. דא און דארט לויפט שנעל א פארשאפטע אידענע, האלטענדיג אין האנט א פאפיער פון וועלכען עס זעהט זיך ארויס א קעפעל פון א הערינג; וואו ניט וואו פינקלען ארויס דורך די נידעריגע פענסטער — די העל לויכטענדע פייערליך פון די געבענשטע שבת ליכט וועלכע פארשפרייטען א קדושה איבערן גאנצען שטעדטעלשען פארנעהם און אט הויבען זיך אן צו באווייזען שעהן אויסגעפוצטע אידען מיט פארקעמטע בערד און פאות און ליכטיגע פנים'ער פון וועלכע עס שיינט אראפ די הייליגקייט פון שבת. מיט בנעימות'דיגע טריט ציהען זיי זיך דארט, אראפ גאס, צום שטעדטעלשען בית מדרש... פון די ארומיגע הייזער דערטראגען זיך הארציגע אידישע נגונים פון די, אין שטוב פארבליבענע, פרויען און מיידלאך וועלכע זיינען זעהר צופרידען מיט די רוהיגקייט פון שבת. די יום־טוב'דיגקייט דרינגט אריין טיעף, טיעף אין אלעמענס הערצער; די גאס, די הייזער, ערד און הימעל, אלץ אלץ זינגט: שבת, שבת, שבת

— אחיא, אחיא, — האבען די שטימען פון די ארבייטער, וועלכע זיינען נאר וואס ארויס מיטאמאל איבערגעריסען דעם פאדים פון איהרע געדאנקען. זי האט אויפגעהויבען איהר ביז איצט צו דער געבויגענעם קאפ און דערזעהן ווי דער אידעם זיצט אויפ'ן שטול א פארשוויצטער און פארמאטערטער, מיט א צעשפילעטער העמד און פארוואקסענעם פנים, די מאשינעס שטעהען צעווארפען און דער טיש אפגעדעקט און פול מיט קלעצלאך פאדים און רעשטלאך סחורה פון די די איבערגעבליבענע ארבייט. זי האט זיך א דרעה געטאן און באמערקט די געבענשטע ליכט. א שרעק איז איהר באפאלען. א מורא פאר'ן אלמעכטיגען האט איהר ארומגענומען, עפעס ברענען זיי די ליכט אזוי טונקעל, פינסטער, ניטא אפילו קיין שאטען פון שיין און גלאנץ וואס די שבת ליכט פארמאגען אין דער היים... עס זעהט אויס ווי די ליכט אליין וואלטען געפיהלט זייער גלות, זייער עלענדקייט און פרעמדקייט אין דער נייער היים... עס איז אן אמת'ע רחמנות אויף זיי", האט זי א טראכט געטאן און ווי אן אומהיילבארע פארצווייפעלטע זיך אין בעט געלייגט.

זי האט אפילו צום עסען ניט געוואלט ארויפגעהן, און ליגענדיג אין בעט האט זי זיך ניט אויפגעהערט צו גריזשען הלמאי זי האט געפאלגט דער טאכטער און געפאהרען מיט איהר. "צו וואס האב איך דאס געדארפט?" האט זי זיך אליין געפרעגט און קיין ענטפער ניט געקענט געפינען...

אין יענע פרייטאג, צו נאכטיגע שלאפלאזע שעה'ן האט זי זיך קיין רוה ניט געפונען. איהר גאנצע נשמה האט זיך א ריס געטאן צוריק, צוריק אהיים, אין דער אמת'ער היים, וואו זי האט געקענט געפינען א באפרידיגונג אין לעבען וואו אלץ איז איהר אזוי טייער געווען. עס האט איהר ארומגענומען א רחמנות אויף זיך אליין... דער פאקט וואס אויף די עלטערע יאהרען דארף זי זיך ברעכען אזוי פיעל, האט איהר די לעצטע ביסעל כח אויסגעצויגען און א שטארק מידע און אויסגעמאטערטע, איז זי קוים אויפ'ן שפעטען פארטאג איינגעשלאפען... א רחמנות'פולער, ביטערער, איראנישער שמייכעל האט זיך איבער איהר אלטען אויסגעלייטערטען פנים אויסגעקנייטשט און אויף דער אונטערשטער, ברייט אויסגעצויגענער ליפ האט זיך ווי אין פארשמאכטע קנייטשען אויסגעגאסען: "א רחמנות, א רחמנות"...

אנטעריאר רייאן קאנפערענץ הערט גרוס פון ארץ ישראל

(פארזעצונג פון פיירזש 1)

צווייטער, נאכמיטאג זיצונג פון דער קאנפערענץ, האט זיך אנטוויקעלט א "הייסע" דיסקוסיע צווישען די "מעסיגע" און "ראדיקאלע" אדער מעהר עקסטרעמע עלעמענטען. עס איז אנטשטאנען די פראגע אויב די קאנפערענץ זאל אפשיקען איהר פראטעסט געגען דער האנדלונג פון דער פאלעסטינער אדמיניסטראציע דירעקט קיין לאנדאן, אדער אז די רעזאלוציע זאל איבערגעשיקט ווערען צום נאציאנאלען קאנסיל אין מאנטרעאל פאר גוטהייסונג.

אין דער דיסקוסיע האבען זיך, צווישען אנדערע באטייליגט: משה געלבער, מאיר וויסנאל, א. שאץ, מ. קרעמער, מר. בארזעל. מר. קאלל, י. דזש. גלעס, און אנדערע.

משה געלבער איז געווען געגען. ער האט געבויט זיינע ארגומענטען אויפ'ן שטאנדפונקט וואס דער "רייאן", אלס א ניט אויטאנאמע קערפערשאפט האט ניט קיין רעכט צו אויפנעהמען פראגען אדער צו אננעהמען רעזאלוציעס פון א פאליטישען כאראקטער.

זיין ארגומענט איז אבער צוריקגעשלאגען געווארען פון א. שאץ, מ. קרעמער, מר. בארזעל און מר. קאלל. זיי האבען אנגעוויזען, אז אלס א אידישער קבוץ האבען די אנטעריאר אידען א מאראלישע רעכט צו אויסדריקען זייער אנטריסונג.

מר. וויסנאל האט דאן פארגעשלאגען, אז די רעזאלוציע זאל פריהער איבערגעשיקט ווערען צום נאציאנאלען קאנסיל און אזוי איז די רעזאלוציע אנגענומען געווארען.

א צווייטער "ווארימער" מאמענט ביי דער קאנווענשאן איז אנטשטאנען איבער דער רעזאלוציע וועלכע דירעקט אויס פארדאמונג געגען דער פאלעסטינער אדמיניסטראציע איבער דער ניט־זיכערהייט פון אידישע לעבענס אין פאלעסטינע, אין פארבינדונג מיט א צאהל מארדען אויף אידען וועלכע זענען דארט באגאנגען געווארען אין פארלויף פון די לעצטע מאנאטען.

מר. וויסנאל האט באקעמפט די דאזיגע רעזאלוציע, דערקלעהרענדיג, אז זי איז לעכערליך אין איהר כאראקטער ווייל מארדען ווערען באגאנגען ניט בלויז אין פאלעסטינע. נאר אין טאראנטא, ניו־יארק, שיקאגא און אנדערע טיילען פון דער וועלט. די אידען, האט ער געזאגט, פיהלען זיך אין פאלעסטינע פונקט אזוי זיכער ווי אין אנדערע לענדער. און די רעזאלוציע איז דאריבער אן איבעריגע.

ווען די רעזאלוציע איז אבער גענומען געווארען צום אפשטימען, האט זי געצויגען א גרויסע צאל שטימען.

די שטימונג פון די דעלעגאטען איז געווען אן אנגעצויגענע. אלע האבען געפיהלט אז צו שאנעווען דער פאלעסטינער אדמיניסטראציע בנוגע איהר נאכלעסיגקייט און איהרע אנטי־אידישע האנדלונגען, מיינט פונקט דאס זעלבע ווי צו קושען די רוט, וועלכע שמייסט. די דאזיגע שטימונג איז אמבעסטען אויסגעדריקט געווארען. אין די ווארימע אפלאדיסמענטען וואס די "עקסטרעמיסטען" האבען באקומען פארטיידיגענדיג די רעזאלוציעס.

די צווייטע רעזאלוציע פאדערט אז ענערגישע שריט זאלען אנגענומען ווערען צו פארטיידיגען אידישע לעבענס און אידיש פארמעגענס אין דער צוקונפט.

ביי דער נאכמיטאג זיצונג האבען די דעלעגאטען פון די קלענערע אנטעריאר ישובים באריכטעט וועגען זייער טעטיגקייט און זייער ציוניסטישע אויפטואונגען אין פארלויף פון'ם פארגאנגענעם יאהר.

עס האבען באריכטעט די דעלעגאטען פון לאנדאן, האמילטאן, ברענטפארד, סט. קעטערינס און סאדבורי. זייערע באריכטען זענען מערסטענס געווען זעהר גינסטיגע און עס איז אנגעוויזען געווארען, אז מיט מעהר בילדונג צווישען די ברייטע מאסען וואלטען נאך בעסערע רעזולטאטען געקאנט דערגרייכט ווערען.

מר. ה. ס. ראזענבערג איז געווען פארזיצער פון דער צווייטער זיצונג.

ביי דער נאכמיטאג זיצונג זענען אויך אנגענומען געווארען א צאהל רעזאלוציעס און באגריסונגען פון דעם מאנטרעאל'ער הדסה קאנסיל, פון מר. ס. גראס, פרעזידענט פון טאראנטא ציון קאנסיל און רבי סאקס, טשערמאן פון דער עקזעקוטיווע פון דעם טאראנטאר ציוניסטישען קאנסיל.

די קרעדענשעלס קאמיטע האט באריכטעט אז 211 דעלעגאטען און געסט האבען זיך רעגיסטרירט אין פארגלייך מיט 226 פון לעצטען יאהר.

נייע בעאמטע דערוועהלט

די פאלגענדע בעאמטע זענען דערוועהלט געווארען פאר דעם אנטעריאר ציוניסטישען רייאן פאר'ן קומענדען יאהר:

הערי ראזענבערג, פרעזידענט; ד. רונקעלמאן און מאיר וויסנאל, עהרען־וויס־פרעזידענטען; דר. איזידאר גאלדסטיק (לאנדאן, אנט.) ערשטער וויס־פרעזידענט; מרס. ד. רונקעלמאן, צווייטע וויס־פרעזידענטין; מעיער ד. קראל פון ווינדזאר, דריטער וויס־פרעזידענט און מעקס עפשטיין, פון האמילטאן, פערטער וויס־פרעזידענט.

די עהרען־וויס־פרעזידענטען זענען: סעם קראניק, אליהו פולען, רבי סאקס און י. קאהן (קינגסטאן).

משה געלבער איז דערוועהלט געווארען אלס טרעזשורער; ב. וויז, פינאנץ סעקרעטאר; מ. קרעמער און ס. גודמאן, רעקארדינג סעקרעטארען און ד. וויז אודיטאר.

אין דער עקזעקוטיווע זענען אריין: מרס. א. ב. בענעט, מרס. י. קאהן, מר. ס. קראניק, מר. ס. גראס, א. שאץ, ס. ראגול, הערצל ראטענבערג, מ. וויינשטאק, דזש. ראשקאווסקי, ל. מ. שווארץ, ה. לאזארעסקא, מ. בירענבוים, עדי געלבער, מ. אנראנאוה, ה. בערנשטיין, א. קעש, דזש. גלעס, רבי ארטור פעלדמאן (האמילטאן) מר. לאוסטאן (האמילטאן), ו. קלייוויה, (קיטשענער) ס. בוקאוועצקי, (טימינס), ס. פלארענס (טימינס), מ. וואהיט. (ברענטפארד). מר. ניסענבוים (ברענטפארד) רבי וואלגעלערנטער (האמילטאן), ה. אבראמסקי (קינגסטאן), עלעקס סאלאמאן (ווינדזאר), ד. עפשטיין (אטאווא), סעם בערנער (אטאווא), מאיר גינזבורג (האנטוויל) מר. הארוויץ (אידישער מעיאר פון קארנוואל), ר. האפמאן, (סט. קעטרינס), מ. שטיינבערג (סאדבורי), דר. דזשעסעל, מ. גראפשטיין און מ. פישביין (לאנדאן) און מ. בערנארד (סארניא).

די גרויסע מאססענפארזאמלונג אין טיוואלי טעאטער

פונקט 8.30 נעכטען אווענט איז דערעפענט געווארען די גרויסע מאססענפארזאמלונג אין טיוואלי טעאטער. דאס טעאטער איז געווען איבערגעפאקט מיט א גרויסען יום־טוב'דיגען עולם.

מר. אליהו פולען איז געווען טשערמאן און ער האט פארגעשטעלט אלס דעם ערשטען רעדנער לואיס פיטש, קיי. סי. פון מאנטרעאל, וועלכער האט געהאלטען א ווארימע רעדע וועגען ציוניזם און דעם ציוניסטישען געדאנק.

ראבביי ד. שווארץ, דירעקטאר פון דער קאנאדער ציוניסטישער פעדעראציע, איז געווען דער צווייטער רעדנער און ראביי סאקס דער דריטער.

דערנאך איז פארגעשטעלט געווארען דער גרויסער גאסט, דר. נחום גאלדמאן, וועלכער האט באגייסטערט דעם עולם מיט זיין מוסטערהאפטער רעדע.

אונטערשטרייכענדיג ווי די חיבת ציון באוועגונג האט, מיט פופציג יאהר צוריק, געלייגט אומבאוואוסטזיניג דעם ווינקעלשטיין פאר דעם גרויסען ציוניסטישען אידעאל, האט דר. גאלדמאן אנגעוויזען, אז פאלעסטינע איז היינט ווירקליך דאס לאנד פון דער גרויסער ציוניסטישער רעאליזירונג, און אז פאלעסטינע איז היינט בעסער אפ עקאנאמיש פון וועלכע עס איז אנדערע לענדער פון איהר גרויס.

עס איז אויך געווען א מוזיקאלישער פראגראם.

גאָלדענבערג'ס כשר רעסטאראנט
באזונדערע פלעצער פאר
מילכיגס און פליישיגס
די אמת'ע כ ש ר ה סיסטעם
עקזיסטירט זינט 1908.
275־273 ספעדיינע עוועניו. טעלעפאן וויווערלי 4960.

צו אייך אידישע פרויען!

באנוצט זיך מיט די נייע וויסענשאפטליכע דערגרייכונגען צו מאכען אייער היים שעהן, באקוועם און סאניטאריש.

צוליעב אונזערע טויזענטער קאסטימערס און פריינט האבען מיר יעצט דערעפענט נייע שעהנע, גרויסע שאו רומס מיט אן אויסשטעללונג פון די בארימטע "לעאנארד" עלעקטריק רעפרידזשערייטארס. דזשענעראל עלעקטריק האט פאינט סטאוום און נייע מאדעלס פון דעם באוואוסטען "וועלש בלאוער". איהר ווערט אלע געלאדען אין אונזערע שאו רומס פאר פרייע דעמאנסטריישאנס.

באשיינט אייער היים
לכבוד פסח
"דער לעאנארד"

איז דער בעסטער, שעהנסטער און באקוועמסטער עלעקטריק רעפרידזשערייטאר אין אמעריקא.



דער נייער
מאדעל האט פאינט
עלעקטריק
סטאוו
פאר בלויז היינטיגען מאנאט
$99.75

קאכט שנעל, רואינירט ניט קיין טעם און גיט דעם עסען א בעסערען טעם.

דער נייער 1932
וועלש
בלאוער

מיט פיעלע אויסבעסערונגען. קיינע אשעס, אויטאמאטיש רעגולירטע ווארימקייט, און שפארט געלט אויף באהייצונג.

WELSH
BLOWER

WELSH BLOWER and STOKER CO.
COLLEGE-SPADINA BLDG.
457 Spadina Ave. Kingsdale 4633

פאר פרייע אינפארמאציע און ראיעלע באהאנדלונג, רופט אונזער אידישען מענעדזשער איב וואהיט, קינגסדייל 4633.
אלעס אויף לייכטע באדינגונגען.
באזוכט אונזערע שאו רומס. אפען ביז 10 יעדען אווענט.

THE HEBREW JOURNAL
דער אידישער זשורנאל
THE HEBREW JOURNAL
Published by
JOURNAL PUBLICATIONS OF TORONTO, LIMITED
542 DUNDAS ST. WEST Telephones: ADelaide 7424-7425
NATHAN FRIEDLAND, President.
Entered as Second Class Mail Matter at C. P. O., Toronto, January 22nd, 1913.
Only Daily Jewish Newspaper in the Province of Ontario.
Subscription Rates: $6 PER YEAR $3.50 SIX MONTHS
Single Copy—3 cents.
ALLIED PRINTING TRADES UNION LABEL COUNCIL TORONTO 25

האלטען מיר ביים סוף פון רעפּאראציע צאָלונגען?

עס איז געשעהן פונקט אזוי ווי מען האט עס געקענט פאראויסזעהן. דייטשלאנד אנטזאגט זיך צו צאָלען די רעפּעראציעס, לויט וועלכען עס איז אפּמאך.

דער האוווער מאראטאריום ענדיגט זיך דעם ערשטען יולי פון דאס יאר. אבער דער דייטשער פינאנץ מיניסטער, הערמאן דיטריך, האט באצייטענס, אויף אן עפענטליכער פערזאמלונג דערקלערט, אז דייטשלאנד וועט ניט צאָלען מער קיין רעפּעראציעס צו די אלאירטע לענדער.

דער אונטערשייד פון דעם וואס דיטריך האט געזאגט לעצטען פרייטאג, און דאס וואס דער דייטשער רייכסקאנצלער, ברוינינג, האט געזאגט לעצטען יאנואר איז דאס וואס דער לעצטער האט געזאגט, אז דייטשלאנד וויל, נאר זי קען ניט צאָלען. און דיטריך האט געזאגט, אז דייטשלאנד וועט ניט צאָלען.

עס איז ניט אויסגעשלאסען, אז פראנקרייך וועט מאכען א טומעל און וועט מעגליך וועלען אקופּירען דייטשע טעריטאריע. אבער עס איז צווייפעלהאפט אויב די איבעריגע לענדער, איבערהויפּט, ענגלאנד און אמעריקע, וועלען דערלאזען צו אזא שריט מצד פראנקרייך.

דעם אנהויב ניט צו צאָלען די רעפּעראציעס ווען דער האוווער מאראטאריום וועט זיך ענדיגען, האט דאך אייגענטליך ענגלאנד געמאכט. אין דעם ענגלישען בודזשעט איז דאך קיין איין סענט ניט באשטימט געווארען צו צאָלען די מלחמה חובות צו אמעריקע. דער ענגלישער פינאנץ מיניסטער האט דערקלערט, אז די רעפּאראציע צאָלונגען פון דייטשלאנד באלאנסירען מיט דעם חוב פון ענגלאנד צו אמעריקע, מיינט עס אז ענגלאנד דארף זיך בכלל ניט אנשטרענגען, זי וועט בלויז דארפען אריבערשיקען דאס געלט, וועלכעס זי וועט דערהאלטען פון דייטשלאנד נאך אמעריקע, און אפילו פארשפּארען דאס אויך און לאזען דייטשלאנד שיקען דאס געלט דירעקט נאך אמעריקע.

האט דאך ענגלאנד גאנץ גוט געוואוסט, אז דייטשלאנד קען ניט און וועט ניט צאָלען. זי האט זיך אבער ניט וויסענדיג געמאכט און, אגב, איז דאך דער אופן ווי אזוי ענגלאנד וויל זיך ארויסדרעהען פון ניט צאָלען. שעהנער איידער זאגען פראסט, ווי פראסטע מענשען ריידען "מיר קענען ניט און וועלען ניט צאָלען די מלחמה חובות". שעהנער איז פאר ענגלאנד, אז דייטשלאנד זאל עס זאגען, און ניט אזא יוסטער בעל הבית ווי "דזשאהן בול".

מערקווירדיג אבער ווי דער דייטשער פינאנץ מיניסטער האט אויפגעכאפּט דעם קאפּולער אנצוהערעניש פון דעם ענגלישען פינאנץ מיניסטער. ביי אים איז עס אויסגעקומען ווי מען זאגט:

"זעהר גוט! דו ווילסט אליין ניט זאגען, וועל איך זאגען. איך שעהם זיך ניט. פארלירען האב איך סיי ווי סיי ניט וואס".

נעמט מען אין אכט די אומשטענדען, אונטער וועלכע דער דייטשער פינאנץ מיניסטער האט עס געזאגט, און וויסענדיג אז ענגלאנד האט עס גענדארפט זאגען, וועט דאך די לעצטע ניט דערלאזען, אז דייטשלאנד זאל דערפאר אנגעריזט ווערען פון פראנקרייך.

עס איז צו גלויבען, אז מיר האלטען ביים סוף פון רעפּאראציע צאָלונגען. וועלכע האבען ניט נאר דייטשלאנד, נאר די גאנצע פינאנציעלע וועלט געהאלטען אין א קלעם די לעצטע פערצען יאר. וועט דאך דאס העלפען אפּכאפּען דעם אטעם, אויב ניט אפּשאפען דעם קריזיס.

וואס זשע איז די שמחה?

לעצטענס ברייינגט מען גרוסען פון ראטען־פארבאנד, אז דער פינף יאריגער פּלאן איז א דורכפאל. סיי קארעספּאנדענטען און סיי באזוכער, וועלכע קומען פון ראטען־פארבאנד זוכען צו איבערשטייגען איינע די אנדערע מיט גרוסען וועגען דעם דורכפאל פונ'ם פינף יאריגען פּלאן.

איז דאך שוין אן אלט־באוואוסטע זאך, אז מען דארף ניט זיין קיין צו גלויביגער אין באצוג צו גרוסען פון ראטען־פארבאנד, ניט "פּרא" און ניט "קאָן", ווייל ביידע איבערטרייבען גאנץ באדייטענד.

אז מען דארף אויף דעם געביט ניט זיין איילינג צו גלויבען אלץ וואס מען דערצעהלט, דינט אלס ביישפּיעל דאס, וואס יעדעס לאנד פרעהט זיך מיט עפּעס אנדערש פון ראטען־פארבאנד דורכפאל און דער עפּעס איז פונקט דאס, און וואס דאס געוויסע לאנד איז פאראינטערעסירט.

אזוי, למשל, פרעהט זיך די אנטי־קאמוניסטישע פּרעסע אין קאנאדע מיט דעם, וואס אויפ'ן אגריקולטורעלען געביט זענען די קאמוניסטען דורכגעפאלען און עס איז פּראדוצירט געווארען בלויז 34 פּראצענט פון דער באשטימטער קוואטא. די פרייד איז א פארשטענדליכע, ווייל א דורכפאל אין תבואה פּראדוקציע אין ראטען־פארבאנד מיינט, אז קאנאדע האט ניט נאר קיין קאנקורענט, נאר האט אויך א מארק וואו צו פארקויפען איר תבואה איבערפלוס.

אין די שטאטען פרעהט מען זיך מיט דעם דורכפאל פון בויען אויטאָמאביל פאבריקען ווי אנגעצייכענט, צוליעב די זעלבע טעמים, און אזוי אויף דער גאנצער ליניע.

ווי געזאגט, געפינען זיך זעהר ווייניג וועלכע גלויבען די דערמאנטע אלע גרוסען. נאר לאמיר אפילו צוגעבען אז דער פינף יאריגער פּלאן אין ראטען־פארבאנד איז א דורכפאל, ווי די גרוסען־אפּגעבער ווילען. וואס זשע איז די שמחה אין די קאפּיטאליסטישע לענדער?

וואס דארטען זאל ניט האבען פּאסירען, ווייסט דאך די וועלט איין זאך, אז אין ראטען־פארבאנד הערשט ניט אזא שוידערליכע ארבייטסלאזיגקייט ווי אין די קאפּיטאליסטישע לענדער. אויף דעם געביט איז דארטען פונקט פארקערט, עס פעהלען אויס ארבייטער.

אויב אפילו עס זאל אמת זיין, אז די רוסען הונגערען, הונגערען זיי דאך דערפאר, ווייל קיין שפּייז איז ניטא. און ניט אזוי ווי ביי אונז, וואו ארבייטער הונגערען דערפאר, וואס די שפּייכלערס פון לאנד זענען איבערפולט מיט כל טוב. און טאקע דערפאר הונגערען זיי, ווייל מען דארף ניט מער זייער ארבייט פאר פּראדוקציע און פאלגליך האבען זיי ניט פאר וואס צו קויפען די אנגעקליבענע שפּייזען און אנדערע נויטווענדיגקייטען צום לעבען.

וואס זשע איז די שמחה אויף די קאפּיטאליסטישע לענדער, אז דער פינף יאהריגער פּלאן אין ראטען־פארבאנד איז א דורכפאל?

זאלען מיר זאגען, אז די לענדער ווילען אפּזעצען אין ראטען־פארבאנד זייער איבער־פּראדוקציע. קענען זיי דאך עס יעצט אויך טאָן. אבער זיי טוען עס ניט, ווייל זיי ווילען מיט'ן ראטען־פארבאנד ניט האנדלען, איבערהויפּט זויל עס ניט אמעריקע און קאנאדע. וואס־זשע איז די שמחה?

שווער צו פארשטעהן אזא מאדנע דערשיינונג. סיידען זיי אליין ווייסען ניט מיט וואס זיי פרעהען זיך. אדער בכלל האלטען זיי פון דער מצוה, אז אויב קאמוניסטען האבען א דורכפאל, דארף מען זיך פרעהען, אפילו אויב דער דורכפאל איז אן אויסגעטראכטער.

באַרג אַרויף

(טעגליכע שמועסען)
פון יצחקי.

א געשעהעניש פון וויכטיגער באדייטונג איז ביים סוף פון לעצטער וואך פארגעקומען אין ענגלאנד. עס איז א געשעהעניש וועלכע ציינט אן אויף א נייער פּאָליטישער ווענדונג אין יענעם לאנד פון טראדיציעס.

לעצטען דאנערשטאג זענען פארגעקומען ביי־וואהלען אין וועיקפיעלד, יארקשייר (ענגלאנד). דאס איז אן ארבייטער וואהל־באצירק און די ביי־וואהלען זענען נויטיג געווען צוליעב דעם טויט פון א קאנסערוואטיווען דעפּוטאט וועלכער האט פארטראטען דעם באצירק זינט די לעצטע לאנד־וואהלען, ווען מעקדאנאלד'ס "נאציאנאלע" רעגיערונג איז דערוועהלט געווארען מיט א ריזיגער קאנסערוואטיווער מאיאריטעט.

די ארבייטער פּארטיי איז, ווי באקאנט, ארויסגעקומען פון די לאנד־וואהלען מיט אונטערגעקלאפּטע אויערן און שווארץ־זעהער האבען שוין פאראויס־געזעהן דעם סוף פון דער לייבאר פּארטי אין ענגלאנד.

אבער אט זענען לעצטען דאנערשטאג פארגעקומען ביי־וואהלען אין וועיקפיעלד — און וואונדער איבער וואונדער — עס איז דערוועהלט געווארען ניט קיין קאנסערוואטיוו נאר א "לייבאריט".

וואס ציינט עס?

דאס איז א סימן אז די ענגלישע וועהלער, וועלכע האבען, אין פארלויף פון די לעצטע לאנד־וואהלען, געלאזט זיך פארפיהרען פון דער "אישו" אז אין א "נאציאנאלער רעגיערונג ליגט דאס ברויט און פוטער פון פאלק", הויבען שוין אן צו קומען צו־זיך פון דער ערשטער פארבלענדעניש.

דער ארבייטער זיעג אין וועיקפיעלד איז, אזוי צו זאגען, "די געהיימע האנט, וועלכע שרייבט אויף דער וואנט", פאר א נייער ווענדונג לטובת דער ארבייטער פּארטיי אין ענגלאנד.

* * *

אין דערזעלבער צייט, צוזאמען מיט דעם דאזיגען ארבייטער זיעג איז אויך געקומען די נייעס פון ענגלאנד אז רעמזי מעקדאנאלד האלט ביים רעזיגנירען פון זיין אמט אלס פּרעמיער און כדי צו פארמיידען וואהלען פאר א נייעם פּרעמיער, וועט ער רעקאמענדירען, אז דער קאנסערוואטיווער פיהרער סטענלי באלדווין, זאל איבערנעהמען זיין פּלאץ.

מעקדאנאלד'ס געפּלאנטע רעזיגנאציע ווערט צוגעשריבען צוליעב צרות וואס ער האט מיט זיינע אויגען און דאס לאזט זיך דוקא גאנץ גוט גלויבען. עס ווייזט אויס אז מעקדאנאלד האט שוין לאנג געליטען אויף די אויגען... אבער ביז איצט איז סטענלי באלדווין געווען זיין "גאיד־מען". מעקדאנאלד האט ווירקליך נאכגעפאלגט די פוס־טריט פון זיין "גאיד־מען" די גאנצע צייט זינט די נאציאנאלע רעגיערונג איז אריין אין מאכט.

מעגליך אז איצט איז פארגעקומען א שטיקעל מיינונגס־פארשידענהייט צווישען דעם "בלינדען" מעקדאנאלד'ן און דעם זעהענדיגען באלדווין און דער ערשטער טרעט דאריבער אפּ זיין פּלאץ פאר'ן צווייטען.

מיט דער אויפשטייגונג פון סטענלי באלדווין אויפ'ן פּרעמיער־שטוהל וועט די נאציאנאלע רעגיערונג באקומען איהר נאטירליכען קאליר. איצט וועט זיך ניט ארויסזעהן אפילו דאס ביסעלע "שעטנז" פון הערבערט סעמועל, דזש. ה. טהאמאס סיימאן און די עטליכע אנדערע "געמישטע". עס וועט ווערען א קאנסערוואטיווע רעגיערונג אין פולען זינען פון ווארט אהן וועלכע עס איז פּרעטענזיעס.

און פאר דער לייבאר פּארטיי וועט עס מיינען א נייע עפּאכע פון אויפשוואונג עס וועלען זיך ווידער אויסקריסטאליזירען צוויי קלאסען — אין איינהייטליכע אפּאזיציע — ווייל עס וועט זיין אן איינהייטליכע רעגיערונג.

* * *

דער רעזולטאט פון די ביי־וואהלען אין וועיקפיעלד דיענט פאר מיר אלס די בעסטע איבערציינונג פאר דער אויסגעהאלטענקייט פון מיין פאראויסזאגונג. די ביי־וואהלען אין וועיקפיעלד ציינען אז דאס ענגלישע פאלק האט שוין באגריפען דאס דער גאנצער טאראראם וועגען א נאציאנאלער רעגיערונג איז געווען ניט מעהר ווי א פיאסקא.

די ענגלישע מאסען האבען שוין לאנג דערשמעקט אז ניט מעקדאנאלד איז דער איצטיגער פּרעמיער פון ענגלאנד נאר באלדווין — און אויסקלייבענדיג צווישען אפּענעם קאנסערוואטיזם און אפּענעם לייבאריטיזם — האבען די ארבייטער אויסגעקליבען דאס לעצטע.

פון דעם דאזיגען שטאנדפּונקט איז דער ארבייטער זיעג אין די ביי וואהלען אין וועיקפיעלד, יארקשייר, פון נאר וויכטיגער באדייטונג פאר ארבייטער באוועגונג אין ענגלאנד בכלל און פאר דער לייבאר פּארטיי בפרט.

עס איז אן אנדייטונג אויף א נייער פּאליטישען עפּאכע אין יענעם לאנד פון טראדיציעס. עס איז אן אנדייטונג אז אויב די ענגלישע לייבאר פּארטיי וועט זיך פארנעהמען אויף אנדערע, מעהר קאנסטרוקטיווע וועגן, זענען איהרע שאנסען אין די נעקסטע לאנד־וואהלען פונקט אזעלכע גינסטיגע, ווי זיי זיינען געווען אין די וואהלען פון 1939.

א געזאלצענע טרעהר דארף מען בלויז פארגיסען אויפ'ן גורל פון מעקדאנאלד'ן וועלכע האט דורכגעמאכט א קאריערע פון גלגולים און וואקלענישען.

מסתמא וועט ער אויסלעבען זיינע לעצטע טעג אינ'ם פּאליטישען מושב זקנים צוזאמען מיט זיין ראדיקאלען גענאסע פיליפּ סנאודען...

די ענגלישע ארבייטער פּארטיי ווייזט איצט סמנים פון אויפשוואונג. — פון באַרג אַרויף.

אידישער ישוב אין בורמא

פון ב. גארדיען

הויף אידען — דער אלגעמיינער קריזיס — דער נייער אידישער דור — די ערווארטעטע אפּטיילונג פון אינדיע.

דער אידישער ישוב אין בורמא, וועגען וועלכען עס איז זעהר ווייניג באקאנט אין דער אידישער וועלט, שטאמט הויפּטזעכליך פון איינוואנדערער, וועלכע זיינען אהינגעקומען פון איראק, אנהויבענדיג פון די זעכציגער יאהרען פון לעצטען יאהרהונדערט ביז דער וועלט מלחמה. עס האט ניט גענומען קיין לאנגע צייט ביז זיי האבען זיך איינגעווארצעלט אין בורמא און מאנכע פון זיי זיינען זאגאר נתעלה געווארען און האבען אנגעהויבען שפּיעלען א גרויסע ראלע אין קעניגליכען הויף.

די אלגעמיינע צאהל פון די אידען אין בורמא דערגרייכט איצט ביז 1,500 נפשות. די גרעסטע מאיאריטעט זיינען ספרדים. אין ערך פון צוויי מנינים אידען זיינען שווארצע. א חוץ דעם איז אויך פאראן אין בורמא א קליינע צאהל אשכנזים, וועלכע קומען מייסטענס פון ענגלאנד און באשעפטיגען זיך מיט פרייע פּראפעסיעס. די אלע דריי קהלות לעבען גאנץ אפּגעזונדערט איינע פון דער אנדערער און קומען ניט אין אבריהרונג.

ווי דער מנהג איז מיט אידען איבעראל, לעבען אויך די דארטיגע אידען אין די גרויסע שטעדט. די גרעסטע צאהל געפינט זיך אין דער הויפּטשטאדט און הויפּט פּארט ראנגון, וועלכע צעהלט א האלבען מיליאן נפשות.

צווישען די אידען אין ראנגון געפינען זיך א צאהל זעהר רייכע אידען, וועלכע פיהרען גאנץ גרויסע געשעפטען, אבער דער רוב מנין ורוב בנין פון דער אידישער באפעלקערונג לעבט אין גרויס דחקות און פארדיענען קוים אויף א שטיקעל ברויט.

לעצטענס איז זייער לאגע פיעל פארערגערט געווארען צוליעב דעם שארפען קריזיס, און מאנכע פון די רייכע זיינען געווארען "יורדים" און זיינען געצוואונגען געווארען צו שליסען זייערע געשעפטען. די יוגענד געפינט זיך זעהר אין א טרויעריגען מצב און ווייסען ניט צו וואס זיך צו נעהמען, נאכדעם ווי זיי פארלאזען די שולען, און זיי ווערען "פעדלערס".

די צאהל פון אידען וואס באקומען רעגיערונגס שטעלען איז זעהר א קליינע, און פאר דער לעצטער צייט איז כמעט אן אונמעגליכע זאך צו באקומען א רעגיערונגס פּאסטען. די שווערד פון ארבייטסלאזיגקייט הייגנט איבער די קעפּ פון דעם גאנצען נייעם אידישען דור, בפרט אז עס איז א זעלטענהייט, אז א איד זאל באשעפטיגען א אידען.

צוליעב זייער באשרענקטער צאהל זיינען די אידען ניט ביכולת אויסקלייבען אן אייגענעם פארטרעטער אין דער מוניציפּאליטעט פון ראנגון, נאר זיי האבען א רעכט צו באטייליגען זיך אין דער ליסטע פון די אייראפּייער, וועלכע וועהלען זייער פארטרעטער. לעצטענס האט די רעגיערונג זיך אנגעהויבען באציהען סימפּאטיש צו דער פראגע וועגען נאמינירען א אידישען פארטרעטער אין מוניציפּאליטעט.

צווישען די ריכטער אין בורמא געפינען זיך צוויי אידען, און דער פּרעזידענט פון שטאדט־ראט אין באטיין איז צופעליג אויך א איד.

ראנגון פארמאגט א סינאגאגע וועלכע איז געבויט געווארען מיט פערציג יאהר צוריק און א אידישע מיטעל שולע, וועלכע עקזיסטירט זייט 1912. צום באדויערען האט אין דער סינאגאגע לאנגע יאהרען ניט געהערשט קיין שלום און לאנגע פּראצעסען זיינען פארגעקומען צוליעב כבוד, וועלכע האבען גורם געווען צו חילול השם, ביז די קהלה האט זיך ארומגעקוקט, אז עס לוינט זיך ניט צו וואשען שמוציגע וועש אין דער עפענטליכקייט.

די קהלה ענינים געפינען זיך אין די הענט פון פינף געוועהלטע מיטגליעדער. דער חזן פון שוהל איז אויך דער רב, וועלכער האט צו זאגען איבער אלע רעליגיעזע אנגעלעגענהייטען.

די אידישע מיטעל שולע פארמאגט ביז 120 תלמידים, פון וועלכע זעכציג פּראצענט זיינען אינגלאך.

פאר די העברעאישע למודים זיינען אנגעשטעלט צוויי לעהרער, פון וועלכע איינער איז שוין זעהר אן אלטער מאן און טויג לחלוטין ניט פאר זיין אויפגאבע. די אריענטאלע אידען האבען זיך נאך ניט באפרייט פון דער מיינונג, אז וואס עלטער איז בעסער. דער הויפּט לימוד באשטעהט אין לערנען חומש. ניט ווייטער. אפילו אויף לייענען פּשוטע עברי זיינען זיי זעהר ווייניג מקפּיד. עס איז קלאהר, אז די תלמידים קומען ארויס פון דער שולע איינפאכע עם־הארצים.

די גאנצע אידישקייט איז קאנצענטרירט אין די קליינליכע קהלה ענינים און ניט קיין טריט ווייטער. דער נאמען טעאדאר הערצל איז פאר זיי פרעמד און זאגט זיי גארניט.

זיי האבען קיין אהנונג ניט וועגען דעם וואס עס קומט פאר אין ארץ ישראל אין דער לעצטער תקופה. אלעס איז זיי פרעמד און די דערגרייכונגען פון די חלוצים איז פאר זיי גאנץ אונבאוואוסט.

אין משך פון די לעצטע יאהרען האבען פּראמינענטע ציוניסטישע פּערזענליכקייטען באזוכט בורמא און זיינען דארט ארויסגעטראטען אויף פארזאמלונגען, ווי הער ישראל כהן, אלס שליח פון דער ציוניסטישער וועלט־ארגאניזאציע; מאראס פעוזנער, דר. אלעקסאנדער גאלדשטיין, שליח פון קרן היסוד, רבי מרדכי שמידט, דער שליח פון דער באריהמטער סלאבאדקער ישיבה. דר. בן ציון, דער ספרדישער שליח פון דעם קרן היסוד האט דארט געגרינדעט א ציוניסטישען קאמיטעט אין וועלכען עס זיינען אריינגעטראטען די פּראמינענטסטע אידען, אבער באלד ווי ער איז אוועק איז יעדער שפּור פונ'ם קאמיטעט פארשוואונדען. קרן היסוד זאמלונגען ווערען געמאכט נאר ווען א שליח קומט פאר א קאמפּיין. נאציאנאל פאנד פּושקעס וואלגערן זיך ארום דא און דארט, אבער זיי ווערען זעלטען באנוצט.

ווי איבעראל שטארבט דער גייסט פון גהעטא שנעל אפּ צווישען די אידען אין בורמא. די ענגלישע שפּראך באזיעגט די אראבישע און די אידישע יוגענד "אייראפּעאיזירט" זיך גאנץ שנעל.

בורמא האלט איצט ביי אפּטיילען זיך פון אינדיע. עס איז דערווייל שווער צו זאגען, וואס פאר א ווירקונג דאס וועט האבען אויף דער פּאליטישער און עקאנאמישער ענטוויקלונג אין לאנד. די דארטיגע אידען גלויבען אז דאס וועט פארבעסערען זייער מצב. אלענפאלס האבען זיי ניט וואס צו פארלירען. דער עקאנאמישער מצב איז גענוג שלעכט, און אויב עס וועט ניט בעסער ווערען, וועט אלענפאלס ניט ערגער ווערען.

עס איז שוין אלצאיינס ניטא וואס צו פארלירען.

(איטא).

א רחמנות

(א בילד)
פון פנחס בערניקער

זי האט טאקע בשום אופן ניט געוואלט פארלאזען איהר היימיש שטעטעלע, וואו איהרע עלטערען האבען געלעבט און געשטארבען און וואו זי אליין איז געבארען געווארען, זיך ערצויגען און געעלטערט. עפּעס איז איהר דארטען יעדער זאך אזוי איינגעבאקען אין הארצען געווען אז עס איז איהר אן אמת'ער רחמנות געווען איבערצולאזען דאס. יעדער שטיינדעלע, יעדער גרעזעלע איז איהר הארציג נאהענט געווען און יעדער קליינינקייט האט ימ'ען מיט ערינערונג און ליעבע זכרונות אויפגעוועקט אין איהר זכרון. זכרונות, וואס זיינען געווען בכוח אפּצופרישען אין איהר די לאנגע, לאנגע יאהרען פון איהר סאמע קינדהייט, ביז זי איז נאך א האלב נאקעטע אין איהר ארימע האלב צוריסענע קליידעלע ארומגעלאפען א ווילד שטיפערישע איבער דעם מארק און די גאסען פון שטעדטעל, שפּילענדיג זיך מיט איהרע חבר'טעס, ביז צום גרויען עלטער, ווען זי איז שוין געגאנגען מיט א שטארק, פון צרות אויסגעבויגענעם רוקען און האלב בלינדע אויגען איבער די קברים פון די וואס זיינען איהר אין דער יוגענט זעהר נאהענט געווען.

אט דא אין דעם קליין ארים שטיבעלע, וואס האלט זיך קוים איין אויף די סטאלבעס וועלכע שפּארען איהם אונטער פון אלע זייטען, האט זי די שיין פון דער וועלט צום ערשטען מאל דערזעהן און איהרע פריהסטע קינדער יאהרען זארגלאז פארבראכט. אט איז דער גרויסער שוהל הויף וואו זי פלעגט זיך אלעמאל שפּילען מיט די ארימע קינדערלאך און יעדען שבת אינדערפריה פלעגט זי לויפען אהער אן אויסגעפּוצטע אנטקעגען איהר גרייז־גרויען פאטער און פארכאפּען זאגען איהם "גוט שבת", ווען ער איז פון שוהל ארויס.

אט דא איז איהר מוטער געשטארבען און ניט ווייט פון דאנען, לעבען שטאדטישען פּלאמפּ, האט זיך איהר פאטער אין א קאלטען פראסטיגען ווינטער טאג אויסגעגליטשט פון וואס ער איז קראנק געווארען און שוין מעהר קיינמאל פון בעט ניט אראפּ... און אט קומען נאהענטערע מעהר ליכטיגערע און קלאהרערע זכרונות, ווען זי איז שוין דערוואקסען געווען, א חתונה געהאטע... זי געדענקט יעדער קליינינקייט, וואו יעדער קינד איז געבוירען געווארען, וואו עס האט געפאקט און געמאזעלט. אלץ איז נאך שטארק איינגעקריצט אין איהר זכרון און אין גאס געהענדיג פלעגען איהר די זכרונות אבגלייטען, יעדער געגענשטאנד האט איהר אן עפּעס דערמאהנט און די דערמאהנונגען האבען איהר פיעל אנגענעהמע, זיס ליידענדע מאמענטען פארשאפט...

דערפאר איז איהר אזוי שווער געווען זיך צו זעגענען מיט אלץ וואס איז צוזאמען מיט איהר אויפגעוואקסען און זיך געעלטערט און זי האט באשטימט ניט צו פאהרען מיט איהר טאכטער צום איידעם אין קובא, א לאנד פון וועלכע ניט זי און ניט איהר עלטער־עלטערען האבען ווען עס איז געהערט. זי האט געטראכט איבערצושטופּען ווי עס איז די עטליכע יאהר, וואס זיינען איהר נאך פארבליבען צו לעבען, אליין. עס וועט איהר טאקע שווער זיין, דערפאר אבער וועט זי זיין א רוהיגע וויסענדיג אז איבער הונדערט און צוואנציג יאהר וועט זי האבען דעם זכות צו ליגען לעבען איהרע עלטערען צוזאמען מיט זייער גאנצע פאמיליע און דארטען, אין קובא, ווער ווייס וואו איהרע ביינער וועלען נאך מגולגל ווערען און וואס אפר א לעבען זי וועט דארט האבען? "ניין", האט זי באשלאסען, "איך מוז דא פארבלייבען, איך קען ניט פארלאזען מיין שטעדטעל".

און ווען איהר טאכטער האט איהר גענומען בעטען, אז זי זאל מיטפאהרען ווייל עס טויג ניט פאר איהר צו בלייבען אויף די עלטערע יאהרען אליין, אלע קינדער זיינען זיך שוין לאנג צופאהרען איבער דער אגרער וועלט. זי, מלכה, איז די לעצטע און איצטער ווען זי וועט איהר פארלאזען, טא מיט ווען וועט זי זיין? ווער וועט עפּעס טאן פאר איהר און ווער וועט איהר אויסהאלטען אויף דער עלטער, ווען זי מוז האבען אימיצען לעבען זיך? האט זיך די אלטע שטארק פאר'עקשנט אז זי וועט ניט פאהרען. "דאגה ניט מלכה", — האט זי געטרייסט דער טאכטער — "אז דו וועסט וועלען זיין א גוטע טאכטער וועסטו מיר צושיקען ווען ניט ווען עטליכע דאלער. פאר מיר וועט אלץ זיין גענוג. מישטיינס געזאגט וואס דארף איך האבען? נאר רויב מיר ניט אוועק מיין פארגעניגען פון צו ענדיגען מיין לעבען און שטארבען אויפ'ן זעלבען שטיקעל ערד וואו איך האב מיינע גליקליכסטע און אומגליקליכסטע יאהרען פארבראכט". אזוי האט די אלטע איינגעטענה'ט מיט איהר טאכטער און גלייכצייטיג זיך אנגעשטרענגט איינצושמועסען זיך אליין אז זי וועט זיין בכוח איבערצובלייבען אהן דער טאכטער.

נאר ווען עס זיינען אנגעקומען די לעצטע טעג פון מלכה'ס אפּפאהרען, ווען זי האט דערזעהן די פּוסטקייט אין שטוב, די איבערקעהרעניש אין אלע צימערען; די גרויסע פארפאקטע פעק וועלכע זיינען געדלעגען איינע אויף די אנדערע און האבען אנגעווארפען א בייזע שרעק און אן אויסערגעוועהנליכע אימה אויף איהר, איז איהר הארץ ווייכער געווארען און עס האט איהר טיעף פארקלעמט. "מיט וועמען בלייב איך דא?" האט זי זיך אליין געפרעגט, "א לעבען אפּגעהארעוועט, ניט דערעסען, ניט דערטרונקען, נעכט ניט געשלאפען, שטענדיג געפינסטערט און געביטערט. פאר וועמען, אויב ניט פאר די קינדער? און איצטער? איצטער אויף די עלטערע יאהרען, ווען דער כוח איז שוין אויסגעגאנגען און דער מוט איז פארלארען געווארען וועל איך בלייבען אליין, איינע אליין, אך, ווי שרעקליך דאס איז!"

"ניין, איך קען דאס ניט!" האט זי פאר זיך אליין געטענה'ט, פונקט ווי אימיצער וואלט איהר ניט געלאזט מיטפאהרען. זי האט דערפיהלט דעם גאנצען עלענד פון אליין זיין, און איהר אלטעס הארץ איז אויפגעציטערט געווארען, ווייך געווארען, זי האט געפיהלט ווי עס גליטשט זיך עפּעס אינווענייג, טיעף אין איהר, אט פאלט עס ארויס און עס איז נאך אלעמען... א פייכטקייט האט זיך אנגעהויבען צו שלענגלען איבער איהרע אלטע אויסגעמאטערטע צוקנייטשטע באקען, איהר פּנים האט זיך ווילד פארקרימט און איינגאנצען האט זי אויסגעזעהן ווי אן אומבאהאלפענער נוטה־למות'דיגער וועזען. "איך קען ניט, איך קען ניט!" האט זי שטיל און וועהטאגדיג געמורמעלט און דער וועהטאג אין הארצען איז גרעסער און שטארקער געווארען.

— מלכה, דו ווייסט איך האב באשלאסען צו פאהרען מיט דיר! — האט זי א ווייליע שפּעטער א פארקלעמטע געזאגט צו דער טאכטער.

— זעהר גוט מאמע, — האט מלכה געענטפערט און דערזעהענדיג ווי די מאמע איז טרויעריג געווארען האט זי צוגעגעבען — נישקשה, דאגה ניט מאמע, עס וועט נאך אלץ גוט זיין.

מלכה'ס טיעפע שמחה פון דער מאמע'ס הסכמה האט דער אלטער מאמען זעהר צופרידענגעשטעלט. זי האט גאר אין יענעם מאמענט פארגעסען פון אלע איהרע שווערע פיינליכע איבערלעבונגען אין דער לעצטער צייט. אויפ'ן מאמענט האבען זיך איהר שוין אין קאפּ אנגעהויבען צו פלאנטערען מחשבות וועגען איהר געטען לעבען אין קובא... אבער ווען דער סאמע לעצטער מאמענט איז אנגעקומען און זי האט זיך אנגעהויבען צו זעגענען מיט איהרע שטעדטעלשע גוטע פריינד און באקאנטע, איז איהר פּוסטקייט מיט אמאל ווידער אנגעוואקסען, א שרעקליכע וויסטעניש האט אנגעהויבען צו בושעווען אין איהר הארצען, איהר עלענד האט זיך פארדאפּעלט, זי האט אליין ניט געוואוסט וואס צו טאן, אלץ און אלע זיינען איהר אזוי טייער און ליעב געווארען, אז זי האט זיך ממש ניט געקענט אפּרייסען פון זיי...

אלע באקאנטע וועלכע זיינען איהר געגאנגען באגלייטען האבען זיך בשום אופן ניט געקענט באהערשען און ביטער געוויינט צוקוקענדיג זיך מיט וואס פאר א ביטער און שווער הארץ זי פאהרט אוועק. זייער וויינען האט נאך איהר באגעהר צו פארבלייבען מיט זיי פארגרעסערט און איהר וועהטאג פארשטארקט... "זייט געזונט קינדערלאך!" האט זי אויסגעשריען דורכ'ן וואגאן פענסטערל, ווען דער באהן האט זיך גענומען ריהרען פון ארט, און איז קוים געפאלען אויפ'ן בענקעל, איינזינקענדיג אין איהרע טיעפע מחשבות און ווישענדיג די טרעהרען, וועלכע האבען זיך גענגען איהר ווילען ארויסגעריסען פון איהרע אלטע אויסגעוויינטע אויגען...

2.

"עפּעס איז אלץ אזוי פרעמד און מאדנע ווילד, אז עס איז אונמעגליך איינצולעבען זיך מיט דעם אלעמען" האט זי געטראכט.

דער גרויסער צימער מיט די צוויי הויכע, שטענדיג אפענע טיהרען, די דריי פענסטער אהן שויבען וועלכע זיינען פארהאקט מיט אייזערנע טורמע גראטעס, די פינף מאשינעס וועלכע נייען פון זיך אליין און פיהלען אן דעם גאנצען צימער מיט זייער שטארקען טומעל, די אייזערנע אוווועלע וואס שטעהט אין ווינקעל אויפ'ן קיך טישעל און וועלכען מען קען ארומטראגען פון איין ארט צום צווייטען און די באהנען וועלכע הערען ניט אויף א גאנצען טאג צו לויפען הין און צוריק פארטומלענדיג די קאפּ מיט זייער מורא'דיגען רעש, וועלכער דערטראגט זיך פון גאס אין שטוב, דאס אלץ האט אויף איהר שווער געווירקט, עס האט איהר ענג געמאכט די שטוב. זי האט זיך אין ערגעץ קיין ארט ניט געקענט געפינען.

ווען זי איז דעם ערשטען מאל אויפ'ן הויף ארויס איז אן אלטע שווארצע גויה, א שכנ'טע פון הויף, צו איהר צוגעגאנגען און איהר געפרעגט: "אי, יעגאסטעס" (דו ביסט היינט געקומען?) זי איז א טויטע געווארען, זי האט זיך דערשראקען פאר דער שווארצקייט פון פּנים און די עכט ווייסע בלישטשענדיגע ציינער, וועלכע האבען זיך באוויזען פון צווישען די פעך שווארצע ליפּען, האבען איהר ציטערען געמאכט. זי איז קוים אין שטוב אריינגעלאפען און באמערקענדיג, אז די שווארצע געהט איהר נאך האט זי דערשראקען אויסגערופען: "אט געהט זי", און איז אנטלאפען אין צווייטען עק צימער.

דער איידעם און די ארבייטער האבען איהר — גוטמוטיג לאכענדיג — ערקלעהרט אז די שווארצע זיינען די זעלבע מענשען ווי די ווייסע, אז זיי טשעפּען קיינעם ניט און לעבען מיט אלעמען בשלום. זי האט זיך עס אבער פאר קיין פאל ניט געקענט איינשמועסען און איהר שרעק פאר זיי האט נאך איהר פרעמדקייט פארגרעסערט...

זי איז פון דאן אן זעלטען ווען ארויס אליין אויפ'ן הויף. א גאנצע וואך איז זי אפּגעזעסען אין ווינקעל צימער

(פארזעצונג אויף פּייזש 3)

די אייביגע שפראך פון דעם אייביגען פאלק

פון מ. צ. פראנק

1.

מיט עטליכע יאר צוריק האב איך א פרעג געטאן איינעם פון די יונגסטע ניו יארקער העברייאישע דיכטער: ’’ווערט דען אייך ניט נמאס צו שרייבען כסדר פאר אזא קליינעם פובליקום? אייער סטיל איז איבערהויפט פאר געקליבענע מענשען (אזא ארט שרייבען האט דער דאזיגער שרייבער) און דא דארפט איר נאך קליבען אייערע לעזער פון אזא באגרענעצטער צאהל?’’ דער ענטפער איז געווען: ’’איך ווייס אז עס איז נאך קיינמאל ניט געווען אין דער געשיכטע פאר די לעצטע טויזענט יאר אז העברייאיש יאל האבען ווייניגער ווי צעהן טויזענט לעזער, און אויף ווייטער וועט מסתמא אויך זיין ניט ערגער. לעזט מען מיך ניט אין אמעריקע, לעזט מען מיר אין ליטא, אין ארץ ישראל’’. אזוי האט געענטפערט דער יונגער שרייבער.

וואס זאל טאקע באוועגען א יונגען מאן וועלכער קען ענגליש אפשר בעסער ווי העברייאיש, צו שרייבען העברייאיש? עס איז דאך א קרבן, ניט נאר א מאטעריעלער קרבן, נאר א גייסטיגער קרבן אויך. ווען א מענש באגעגנט זיך ניט טאג איין טאג אויס מיט מענשען וועלכע לעזען ניט זיינע שריפטען פעהלט איהם די סטימולירונג צום שרייבען און ער מוז זיך אנטאן א געוואלדיגען כח כדי צו שרייבען — און א סך פון דער פרישקייט, ספאנטאנקייט און פראדוקטיוויטעט ווערט דורך דעם פארלוירען. און דאך שרייבען מענשען העברייאיש. לאמיר נעמען א פאל פון א גאר גרויסען שרייבער — ער הייסט שאול טשערניכאווסקי, איינער פון די גרעסטע ליריקער פון דער היינטיגער צייט, אזא וואס קען זיך גרינג פארגלייכען מיט די גאר גרעסטע דיכטער פון דייטשלאנד, פראנקרייך אדער ענגלאנד. ער שרייבט העברייאיש. ווער ווייס פון איהם? ווער לעזט איהם? ביאַליק איז כאטש באקאנט דעם ברייטען עולם ניט געלעזענערהייט, ווייל ער איז גייסטיג נאענט צו די אידישע פאלקסמאסען, צום טראדיציאנעלען אידענטום, צום אידישען קרעכץ וועלכען ער האט דערהויבען צום העכסטען אויסדרוק. אבער טשערניכאווסקי וועלכער איז גייסטיג פרעמד דער פסיכאלאגיע פון דעם אידישען מאסען־מענש; טשערניכאווסקי וועלכער האט יונגערהייט ניט אנגעזען ניט נאר קיין ישיבה נאר אפילו קיין ריכטיגען אידישען חדר, פארוואס זאל ער שרייבען העברייאיש? אנדערע דיכטער. און ביאליק בתוכם קענען זיך אויף קיין אנדער שפראך אויסער העברייאיש אזוי גוט ניט אויסדריקען — אבער טשערניכאווסקי וועמענס מוטערשפראך איז רוסיש, וועלכער האט געלעזען און געשריבען רוסיש נאך איידער ער האט געקענט אנ'אות פון אלף בית. פארוואס שרייבט ער העברייאיש? צו וואס פאר א רוהם וואלט ער זיך דערלעבט אלס א רוסישער דיכטער, און וואס פאר א שעהנערע פרנסה וואלט ער געהאט — יעדענפאלס פאר דער מלחמה — ווען ער דיכטעט אויף רוסיש!

* * *

וואס איז דער סוד פון דער צוציהאונגס קראפט פון דער שפראך? אין יעדען דור באצויבערט זי א געוויסע צאהל מענשען, און די קליינע צאהל לאזט זי ניט אפשטארבען אלס א שפראך.

איהר וועט הערען אמאל דעם געוויינליכען פלאכען ענטפער אז העברייאיש איז אמאל געווען אונזער לעבער גע שפראך, און דערפאר ווילען מיר זי נאך אמאל לעבעדיג מאכען. אידיש איז ניט אונזער שפראך, א.א.וו. גוט. ערשטענס ווער ווייסט צי די אמאליגע אידען האבען ניט איבערגענומען די העברייאישע שפראך פון די כנענים פונקט ווי זיי האבען שפעטער איבערגענומען די אראמייאישע שפראך (ארמית, תרגום לשון) פון די אראמייער און פונקט ווי אונזער אורזיידעס אין דייטשלאנד האבען איבערגענומען די דייטשע שפראך (די טייטשע. מיין איד, אידיש...) פון די שוואבער דייטשען? אזוי זאגען געוויסע שפראך פארשער. יעדענפאלס איז דאך זיכער אז חירם מלך צור און מישע מלך מואב, און אלע כנענים, מואבים, עמונים אין ארץ ישראל האבען גערעדט און געשריבען אויף דערזעלבער שפראך ווי אליהו הנביא. מיט וואס זאל אונז טייער זיין די שפראך פון בלק בן צפור?

אט רעדען די פראנצויזען אויף א שפראך וועלכע איז כמעט אינגאנצען געבויט אויף א שלעכטען סאלדאטסקען לאטיין, און די אמת'ע אורעלטערען פון די פראנצויזען, די גאלען האבען דאך גערעדט גאליש, און דאך פאלט עס ניט איין קיין פראנצויז אז דאס פראנצויזישע פאלק זאל אויפגעבען זיין פראנצויזישע שפראך און נעמען זיך צוריק צו דער פארצייטיגער גאלישער שפראך. דער ענטפער איז אז א שפראך איז פאר א פאלק אויך אזויפיל וויכטיג אויף וויפיל די שפראך האט געשאפען די קולטור און דעם נאציאנאלען באוואוסטזיין פון דעם פאלק. די איירישע האבען מיט עטליכע הונדערט יאר צוריק אויפגעגעבען זייער איירישע שפראך און איבערגענומען די רייכע ענגלישע שפראך. די איירישע ריידען איצט א באזונדערען דיאלעקט פון ענגליש און זייערע דיכטער און שריפטשטעלער האבען פיל באַרייכערט די ענגלישע ליטעראטור. א רייכע איירישע קולטור איז געשאפען געווארען אויף ענגליש. דאך איז דא א באוועגונג אויפצולעבען די אלטע איירישע שפראך. פארוואס? ווייל אויף דער אלטער איירישער שפראך איז געשאפען געווארען א קולטור, איז געשאפען געווארען דער נאציאנאל־קולטורעלער באוואוסטזיין פון דעם איירישען פאלק. פאר די פראנצויזען איז אבער גאליש ניט מער ווי אן אומענטוויקעלטע שפראך פון זייערע ווילדע אורעלטערען. די פראנצויזישע קולטור, דער פראנצויזישער נאציאנאלער באַוואוסטזיין איז געשאפען געווארען אויף דער פראנצויזישער שפראך. און עס מאכט ניט אויס וואס מייסטע פראנצויזישע ווערטער שטאמען פון לאטיין, אבער די פראנצויזישע שפראך שפיגעלט מיט זיך אפ דעם גייסט, דעם נאציאנאלען זשעני פון דעם פראנצויזישען פאלק.

* * *

איך זאג ניט אז דאס איירישע פאלק וועט זיכער פארלאזען די ענגלישע שפראך און וועט אנפאנגען צו רעדען איריש. עס קען זיין אז אין דעם קאמף וועט ענגליש געווינען. אבער עס איז וויכטיג אז גראדע ביי איירישען פאלק איז דא אזא באוועגונג אויפצולעבען די איירישע שפראך, און ביי די פראנצויזען ניט. די וועלשער וועמענס שפראך איז ענליך צו איריש האבען אנגעפאנגען אזא באוועגונג מיט א הונדערט יאר צוריק און די באוועגונג איז געווען דערפאלגרייך. און אפילו אז די איירישע באוועגונג וועט זיך ענדיגען מיט א דורכפאל, וועט אלץ דאס לערנען פון דער אלט־איירישער שפראך פארנעמען אין איירלאנד א כבוד'דיגען ארט כל זמן עס וועט לעבען דער איירישער נאציאנאליזם.

איך זאג ניט אויך זיכער אז די באַוועגונג אויפצולעבען העברייאיש וועט זיך ענדיגען מיט א דורכפאל. איך וויל נאר דא אנווייזען די היסטארישע אורזאכע וועלכע פירט דערצו'אז ביי אידען, זאל אין יעדען דור עקזיסטירען א באַוועגונג אויפצולעבען די העברייאישע שפראך. און די אורזאכע איז אז די העברייאישע שפראך האט געשאפען דעם אידישען קולטורעל־נאציאנאלען באוואוסטזיין א סך מעהר איידער די איירישע שפראך האט עס געטאן פאר'ן איירישען פאלק.

די נשמה פון דעם אידישען פאלק האט זיך אויסגעפורעמט אויף דער שפראך פון דעם תנ"ך. די אידישע געשיכטע אין גלות איז פיל לענגער איידער די אידישע געשיכטע אין ארץ ישראל, אבער די גרונט־קאפיטלען פון דער געשיכטע זיינען געשריבען געווארען אונטער די וויינשטאקען און טייטעלבוימער פון ארץ ישראל. און כל זמן אידען וועלען אנערקענען דעם תנ"ך וועלען זיי טייער האלטען די שפראך פון תנ"ך און א געוויסער טייל אידען וועט בענקען נאך דער שפראך אלס א שפראך פון גבורה. כל זמן אידען וועלען זיך באטראכטען אלס דאס זעלבע פאלק ווי די גביאים, וועלען פילע פון זיי בענקען נאך דער שפראך פון די נביאים. כל זמן אידען וועלען ניט דענקען אז די נייע־געשאפענע קולטור אוצרות פון דעם אידישען פאלק אויף אן אנדער שפראך (צ.ב. אידיש) זיינען פון גרינדליכען ווערט איידער דער תנ"ך, וועט זיך געפינען א העברייאיטישע באוועגונג ביי אידען. אן אמת'ער אידישיסט איז דער וועלכער דענקט אז די געשיכטע פון דעם אידישען פאלק הייבט זיך אן מיט די לעצטע עטליכע הונדערט יאר, און אז דאס אידישע פאלק פון פארצייטען איז נאר א טאטע אדער א זיידע צו דעם מאדערנעם אידישען פאלק. דאס איז ניט קיין זאך וואס מען קען אויפווייזען לאגיש. עס ווענדעט זיך ווי איינער פיהלט. איך שטודיר אידישע געשיכטע און איך פיל מיך אלס פארזעצער פון דעם אמאליגען אידענטום. אויב די אידישע געשיכטע פאנגט זיך ערשט אן, האלט איך אז צוליב דעם איז ניט כדאי צו קעמפען געגען אסימילאציע. אידיש — אידיש. ענגליש — ענגליש. אזוי פיהל איך. איר קענט פיהלען אנדערש. אן דעם וויפיל אידען עס וועלען פיהלען מיט מיר און ווי פיל מיט אייך ווענדעט זיך נאך פונדעסטוועגען נאך ניט אלץ. פאראן נאך היסטארישע כחות וועלכע רופען ארויס געוויסע געפיהלען, אדער וועלכע רעכענען זיך גארניט מיט געפיהלען.

דער העברייאיזם, דאס הייסט די באוועגונג אויפצולעבען העברייאיש אלס אן אומגאנגס־שפראך איז אזוי אלט ווי דער ערשטער גלות. די העברייאישע שפראך האט אנגעפאנגען אפצוטרעטען איהר ארט דער אראמישער צו דער צייט פון דעם ערשטען חורבן. די אראמישע שפראך איז דאן געווען די אינטערנאציאנאלע שפראך פון דעם גאנצען נאהענטסטען אריענט. ווען עזרא און נחמיה זיינען צוריקגעקומען אין ירושלים אויפגייטען אידישען לעבען, האבען זיי זיך צוריכטען דעם בית המקדש און א באַענערגיש א נעם געטאן אויפצולעבען די העברייאישע שפראך. געוויסערמאסען איז עס זיי געלונגען, און נאך ביי א טויזענט יאר נאך זיי ביז העט ווייט נאך'ן צווייטען חורבן, האט זיך אין ירושלים און אומגעבונג געפונען א פאר'עקשנ'טע גרופע אידען וועלכע האט זיך געהאלטען שטארק ביי העברייאיש. די גרופע איז געווען די טאן־געבערין און האט איינינגע דורות אויף אזויפיל באוויזען צו באאיינפלוסען אנדערע אז דאס גאנצע אידענטום אין און ארום ירושלים האט גערעדט העברייאיש. נאר דאס העברייאיש האט זיך מיט דער צייט, נאטירליך, געענדערט און איז איבערהויפט אונטערגעפאלען אונטער דער השפעה פון איהר נאהענטער שוועסטער און קאנקורענט — דיר אראמייאישער. צוליב דער נאענטקייט פון די צוויי שפראכען איז כמעט אונמעגליך צו דערקענען דעם אראמייאישען עלעמענט אין העברייאיש. דער עלעמענט איז פארבליבען אין העברייאיש ביז אויפ'ן היינטיגען טאג און האט די העברייאישע שפראך זייער באַרייכערט. אבער ביי א געוויסער עפאכע איז געמאכט געווארען א פארזוך צו באפרייען די העברייאישע שפראך פון דעם אראמייאישען איינפלוס. דאס איז געווען אין דער צייט פון די מאקאבעער (מכבים, חשמונאים) וועלכע האבען געקעמפט פאר דעם אידישען נאציאנאלען זעלבסטשטענדיגען לעבען פונקט ווי זיי האבען געקעמפט פאר דער אידישער רעליגיע. האבענדיג באזיגט דעם הויפט שונא פון דער אידישער קולטור — דעם העלעניזם (די באַוועגונג צו באקערען די אידען צו דער גריכישער קולטור) האבען די מאקאבעער אויך געזוכט צו באפרייען דעם אידישען לעבען אויך פון דער שפראך וועלכע איז מיט דער צייט געווארען די טרעגערין פון אידישקייט — פון ארמית. אט אזא ווארט ווי ’’כנסת’’ (כנסת הגדולה, בית כנסת) וועלכע ווערען ביי אונז היינט פארעכענט אלס העברייאישע ווערטער, איז די חשמונאים געשטאנען אין וועג זייער נאציאנאליסטיש־העברייאיסטישע געפיהלען. און זיי האבען אנגערופען די אידישע לעגיסלאטור ניט כנסת נאר ’’חבר היהודים’’. אפילו דער נייער אשורישער שריפט וועלכען די כנסת הגדולה האט אנגענומען, האבען זיי געזוכט אפצושאפען און האבען געקריצט זייערע מטבעות אין דעם אלטען פעניציש־העברייאישען שריפט. דער אשורישער שריפט איז אבער פארבליבען און פארבליבען איז אויך אין העברייאיש דער אראמייאישער עלעמענט.

* * *

צוויי שפראכען האבען קאנקורירט מיט העברייאיש דורך דער גאנצער צייט פון דעם בית שני: אראמיש און גריכיש. פארזוכען זיינען געמאכט געווארען אין ביידע שפראכען אריינצוברענגען א אידישען אינהאלט אין דער פרעמדער שפראך. אין דעם פאל פון דער גריכישער שפראך איז דער רעזולטאט געווען אסימילאציע, אין דעם פאל פון דער אראמייאישער שפראך איז דער פארזוך געלונגען און דער תלמוד איז געשאפען געווארען אויף אראמייאיש. דער פאר־עקשנ'טער העברייאיזם פון דער ירושלים'ער גרופע פון וועלכען ר' יהודה הנשיא איז געווען איינער פון די טרעגער, האט געווירקט אז די משנה זאל געשאפען ווערען אין העברייאיש (עטוואס אראמעאיזירט — די ’’לשון חכמים’’) אבער אין דער שאפונג פון דעם תלמוד האט דער העברייאיזם פארלוירען.

א צאל דורות האט די אראמייאישע שפראך פארנומען דעם אויבען אן פון דער אידישער קולטורעלער שאפונג. העבריי איז געלערענט געווארען ווייל די שאפונג איז אננגעאנגען אין טראדיציאנעלע וועגען און האט זיך פארופען אויפ'ן תנ"ך (דערפאר האט אפשר די פאראידישונג פון ארמית געלונגען בעת די פאראידישונג פון גריכיש איז ניט געלונגען). דורך דעם תלמוד האט די אראמייאישע שפראך געקראגען אזא בירגער רעכט אין דער אידישער גייסטיגער ירושה. תפלות און קבלה ליטעראטור האבען בייגעטראגען צו דער וויכטיגקייט פון אראמייאיש אלס א אידישע קולטור־שפראך. דורך דער צייט ווען עס האט געהערשט די אראמייאישע שפראך אין דער אידישער קולטור שאפונג האט ניט געקענט זיין קיין רייד וועגען אויפלעבען די העברייאישע שפראך אין לעבען. דאך זיינען געווען פארזוכען דא און דארט זי אויפצולעבען אין ליטעראטור. און עס קען זיין אז דער אויפשטאנד פון די קראים געגען דעם רבני'שען אידענטום האט אין זיך געהאט א שטארקען העברייאיסטישען אונטערשלאק. אראמייאיש איז שטארק געווען אין אידישען קולטורעלען וועזען כל זמן די שפראך איז געווען די שפראך פון לעבען. אבער, מערקווירדיג, אז באלד ווי נאר ארמית האט אויפגעהערט צו זיין א לעבעדיגע אומגאנגס־שפראך האט זיך די אידישע נאציאנאלע קולטור־שאפונג אומגעקערט צו העברייאיש. די אידישע הלכה (ווערק וועגען תורה און דינים) איז, נאך דעם אפשלוס פון דעם תלמוד און נאך דעם אונטערגאנג פון ארמית, אינגאנצען, אונאונטערבראכען ביז דעם היינטיגען טאג, געשאפען געווארען אין דעם משנה־העברייאיש (ניט דוקא אלעמאל א שעהנעם) רש"י, די תוספות, א.א.וו. דורך דעם גאנצען מיטעלאלטער איז אין דער גאנצער אידישער וועלט, א חוץ דעם אראביש־שפרעכענדען טייל, העברייאיש געווען די איינציגע טרעגערין פון דער אידישער קולטורעלער שאפונג.

* * *

אין דעם אראביש־שפרעכענדען טייל איז פארגעקומען א פראצעס גאר א מערקווירדיגער. אין דייטשלאנד און פראנקרייך און איבעריגע אייראפייאישע לענדער, איז העברייאיש געווען די איינציגע קולטורעלע שפראך פון די אידען און טיילמאל אויך א שפראך פון רעדען. ווען א איד פון איין לאנד פלעגט אנקומען אין אן אנדער לאנד, פלעגט ער זיך דארפען צוזאמענרעדען מיט די אידען אויף לשון קודש. אויב ס'איז געווען א איד א תלמיד חכם וואס קען זאגען א פאר ווערטער, פלעגט ער דרש'ענען אויף לשון קודש. אין די לענדער איז אבער די גאנצע אידישע קולטור באגרענעצט געווען כמעט אינגאנצען אויף הלכה, און אינגאנצען אויף רעליגיע. פון קיין קינסטלערישע ווערק אז קיין פראגע ניט געווען, פון קיין וויסענשאפט אויך ניט.

די אראביש־שפרעכענדע לענדער (איבערהויפט אין שפאניען) האבען אידען זיך זעהר פיל באנוצט מיט דער לאנדס־שפראך פאר זייער קולטורעלע באדערפענישען. דאן האבען זיי געשאפען אויף העברייאיש א רייכע קולטור וועלכע אין פארשיידען פון דער קולטור וועלכע איז געשאפען געווארען אין אנדערע לענדער: העברייאישע פאעזיע, פראזא און וויסענשאפט אויף העברייאיש.

די אידען פון די קריסטליכע לענדער זיינען, כמעט, ניט אונטערווארפען גע־

(פארזעצונג מארגען.)

אן אורח אויף פסח

(א פאלקס־מעשה'לע)

פון משה נאבעלמאן

אין ירושלים האט אמאל געלעבט א גרויסער צדיק, א נסתר, איינער פון די ל"ו צדיקים. א גאנץ יאר פלעגט ער מיט זיין פאמיליע אפקומען מיט ש'הי פ'הי, אבער דעם הייליגען יום טוב פסח האט ער געפראוועט ווי דער גרעסטער עושר, אפילו מיט אן אורח צום סדר, ווייל דער רב פון שטאט פלעגט צעטיילען מעות־חטים פאר פסח צו די ארימע לייט און אויך צו די עניים בני־תורה, יעדערען לויט זיינע הצטרכות'ען.

ויהי היום, האט זיך אמאל געטראפען, אז דער רב האט זיך גראד פארגעסען אן דעם צדיק, דעם נסתר, און האט אים גארנישט געגעבען אויף פסח. דער צדיק האט געשוויגען און האט ניט געהאט אפילו קיין מצה און וויין אויף די ארבע כוסות.

* * *

דאס ווייב און קינדער האבען שטארק געוויינט און גע'טענה'ט:

— וואס זאלען מיר טאן, מיר וועלען דאך האבען א פארשטערטען פסח?

דער צדיק האט ניט געקענט הערען די יללות פון זיינע בני־בית, וואס האבען געדריקט זיין הארץ, האט ער פארלאזען זיין הויז און איז ארוים אין גאס.

מיט אמאל האט ער באגעגנט א פרעמדען אלטען מאן, זייער שיין געקליידעט מיט א ריזיג רענצעל אין די הענט, גיט אים דער צדיק אפ שלום־עליכם און פרעגט אים:

— וואס זוכט איהר?

— איך זוך אן אכסניה, וואו איך זאל קענען האלטען יום טוב, — האט דער פרעמדער געענטפערט, — און אפשר איז טאקע מעגליך ביי אייך, וועל איך אייך גוט באפרידיגען...

— קומט צו מיר אויף פסח, געבענשטער פון גאט, — האט דער צדיק געזאגט צום פרעמדען, — נאר איך בעט אייך איר זאלט מיר זאגען אייער נאמען, כדי איך זאל וויסען וועמען איך האב דעם כבוד צו האבען פאר אן אורח אויף פסח?

— מיין נאמען איז רבי נסים המצרי, — האט דער פרעמדער געענטפערט, — אט האט איר דעם בייטעל מיט געלט מיט מיין רענצעל, גרייט אלעס אן לכבוד יום טוב און איך וועל גלייך אנקומען.

דער צדיק האט גענומען דאס געלט און געבראכט א היים צו זיין ווייב און אין הויז איז געווארען ששון ושמחה.

דאס ווייב האט אנגעגרייט פון דעם שעהנסטען און בעסטען פאר דעם חשובען אורח און האט אויך פארבעטען ארימע לייט צום סדר.

ערב פסח פארנאכט, דער צדיק זעט דער אורח איז נאך נישטא, געהט ער אין גאס אים רופען, אבער ער טרעפט אים נישט. איז ער ארומגעגאנגען איבער אלע גאסען פון ירושלים, ער האט געזוכט און אלעמען, וועמען ער האט באגעגענט, געפרעגט:

— צי האט איר געזען אן אלטען מאן רבי נסים המצרי?

האבען אלע געענטפערט, אז זיי האבען אים ניט געזען און ניט געהערט אפילו אזא נאמען.

דאן האט דער צדיק שוין פארשטאנען, אז דאס איז ניט געווען קיין פשוטער בשר ודם, נאר אליהו הנביא, זכור לטוב.

אין שוהלען און ארגאניזאציעס

’’טאראנטאר קונסט רינג’’

עס איז לעצטענס געשאפען געווארען א פאראייניגונג פון א צאל דראמאטישע קלובען, וואס האבען א לענגערע צייט עקזיסטירט אין שטאט, אונטער'ן נאמען ’דער טאראנטאר קונסט רינג’.

דער ’קונסט רינג’ איז גלייך צוגעטראטען צו פראקטישער ברייטער ארבעט. זונטאג דעם 22־טען מאי וועט אין לייבאר לייסעאום פארקומען דער ערשטער אווענט מיט א פראגראם פון איינאקטערס, רעציטאציעס, אינסצענירטע לידער א.א. וו.

כאר פון די פועלי ציון—צעירי ציון

דער כאר געגרינדעט פון די פאראייניגטע פארטיי האט זיך שוין פאר זיין קורצער עקזיסטענץ באוויזען צו דערגרייכען זעהר גוטע רעזולטאטען, שטעהענדיג אונטער דער לייטונג פון דעם פעהיגען מוזיק־לערער, חבר בענק.

די אריבער 60 חברים פון כאר האבען אין א זעהר געהויבענע שטימונג געפייערט זייער גרינדונג ביי חבר ווייס אין הויז. אין דער אנוועזענהייט פון א פארטרעטער פון צענטראל קאמיטעט איז א קאנצערט מיט איינגעשטודירטע לידער, דורכגעפירט געווארען.

א פיבערהאפטע טעטיגקייט געהט איצט אן ביים כאר, גרייטענדיג זיך מיט נייע נאציאנאלע און ארבייטער לידער פאר א עפענטליכען ארויסטריט קירצליך.

נייע באאמטע דערוועהלט ביי די אסטראווצער סאסייטי

די אסטראווצער אינדעפענדענט מיוטשעל בענעפיט סאסייטי האט דערוועהלט נייע באאמטע פאר די קומענדע זעקס מאנאטען. די דערוועהלטע זיינען: ל. שטארקמאן, פרעזידענט, ס. נאכגנאוויטש, וויים פרעזידענט, ה. בלום, פינאנץ סעקרעטאר, ל. צוקער, טרעזשורער, י. סמאלנע, האספיטעלער.

אין דער עקזעקוטיווע זיינען דערוועהלט געווארען: ש. ראזענבלאט, י. גיינאדעל, מ. מארכאצקי, ס. שפייזמאן, ק. סינענבערג, פ. בלעק, פ. קעמין.

רעליף קאמיטעט: ז. טורעק, ש. ראזענבלאט, פ. בלעק.

די בארד אף דירעקטארס באשטייט פון: י. סמאלנע, טשערמאן, דז. סילווער, כ. טורעק. גייטען שפייזמאן, פראטאקאל סעקרעטאר.

אין ליניצער סיק בענעפיט סאסייטי

זונטאג, דעם 17־טען אפריל איז אפ געהאלטען געווארען א מיטינג פון דער ליניצער ס.ב. סאסייטי, אין בראנזוויק ת'ת האל, אונטער דעם פארזיץ פון בר. מ. רעזניק.

די קאמפיין קאמיטע באריכטעט אז דער קאמפיין פאר נייע מיטגלידער גייט אן זייער גלענצענד.

צו יעדען מיטינג ווערען פארגעשלאגען און אויך איינגעשוואורען א באדייטענדע צאל נייע מיטגלידער.

נאכהער ווערט געהאלטען א פארטראג פון ברודער, לאיער ש. מ. מילסטאן אויף דער טעמע: די טראדיציע און די ענגלישע געזעצען.

די אנוועזענדע האבען מיט אינטערעס אויסגעהערט די באלערנדע לעקציע, וועלכע דער לעקטאר האט אלס קענינער פאכמאן אויסגעטייטשט און דערקלערט די סעקשאן 98 פון דעם קרימינעלען קאדעקס.

ער איז פון פארזיצער הארציג באדאנקט געווארען אין נאמען פון דער סאסייטי.

ס. פרושקאוו.

וואס א $10,000 „פאמיליע אינקאם“ פאליסי טוט אויף

אויב איר דערגרייכט נישט 65 יאר

וועט די קאמפאני נאך אייער טויט אנפאנגען צו צאלען אייער פאמיליע $100 א חודש און וועט עס צאלען ביז ווען איר וואלט אלט געווארען 65 יאר.

אויסער דעם

$10,000 וועט אויסגעצאלט ווערען אויף דעם 65־טען געבורטסטאג אייערען. די סומע וועט אויסגעצאלט ווערען פאר א מאל, אדער, אויב פארלאנגט, אין אינסטאלמענטס (אין לעצטען פאל וועלען צו די אינסטאלמענטס צוגערעכענט ווערען פראצענט דיווידענטס.)

אויב איר לעבט ביז 65 יאר

קען די פאליסי פארלענגערט ווערען ווי אן ארדינארי לייף קאנטראקט פאר א פארקלענערטען יערליכען דעפאזיט אדער קען אויסגעצאלט ווערען אין מזומן פאר איין מאל אדער אלס מאנאטליכע הכנסה.

דיווידענטען

ליבעראלע דיווידענטען ווערען צוטיילט יערליך, די ערשטע צוויי דער ענדע פון ערשטען יאר פון דער פאליסי.

דאָ איז די עכטע לעזונג צו דער פאמיליען באשיצונג פראבלעם. די פאליסי פאָדערט א יערליכען דעפאזיט פון בלויז $28.18 פאר טויזענט אין עלטער פון 30.

שיקט דעם אונטערשטען קופאן פאר ווייטערע אינפארמאציע

איך בין פאראינטערעסירט אין א פאמיליע אינקאם פאליסי. שיקט מיר איינצעלהייטען.

נאמען — — — — — — — — —
אדרעס — — — — — — — — —
(שטאדט) — — — — — — — — —
עלטער — — — — — — — — —

THE
Mutual Life
Assurance Company
of Canada

הויפט אפיס: וואטערלו, אנט.
געגרינדעט 1869.

טאראנטא אפיסעס:
קענעדע פערמאנענט בילדינג — טעלעפאן עלגין 4356.
טאראנטא דעילי סטאר — טעלעפאן עלגין 8374.
פארטרעטער:
הערי טעיט, טעלעפאן עלגין 4356.

קאקא קאלא כשר לפסח

Coca-Cola
TRADE MARK REGISTERED

THE COCA-COLA CO. OF CANADA LIMITED
כשר לפסח
Coca-Cola
TRADE MARK REGISTERED
HEAD OFFICE, TORONTO

בהשגחת
ועד הרבנים און ועד העיר
דמאנטרעאל

די פרייז בלייבט די זעלבע ווי תמיד

כ' אדר תרפ"ט. מאנטרעאל.
מיר מאכען באקאנט דאס דער קאקא־קאלא איז א פיור וועדזשעטייבעל געטראנק. אנאליזירט ביי די גרעסטע כעמיקער, אז עס איז ריין פון א משהו חמץ. ספעשעל נייע באטעלס אויף פסח. יעדער באטעל קאקא־קאלא פארזיגעלט מיט א קראון לייבעל ’’כשר לפסח’’ פון ועד הרבנים און ועד העיר איז כשר לפסח בלי שום חשש.
ועד הרבנים דפה מאנטרעאל.

ארדערט א קייס פאר אייער היים — טעל. גלעדסטאון 4651

STANDARD THEATRE

אונזער נייער טעלעפאן נומער איז: ווייווערלי 6950

אב. קאגוט פרעזענטירט די גרויסע סינגסטלער קא.

סיידי שיינגאלד

— מיט —

סעם אוירבאך סיימאן וואלף

בעני זיידמאן, מאקס קלעטער, מאקס הייניג, העלען בידא, העלען בערנאדי און סילוויא פישמאן און אברהם לאקס.

דינסטאג דעם 26-טען אפריל לײדיס פריי 2 פאר 1

סיידי שיינגאלד אין איהר סוקסעס

„סיידי וואוהין קריכסטו"

קאמעדיע מיט געזאנג פון א. ליליען.

מיטוואך דעם 27-טען אפריל לײדיס פריי 2 פאר 1

אונזער גרויסער סוקסעס

„מלכהלעס מיליאנען"

אפערעטא פון סיימאן וואלף. מוזיק פון בען זיידמאן

אויפגעפיהרט פון סעם אוירבאך

גרויסער כאר שעהנע אויסשטאטונג.

פרייטאג דעם 29-טען אפריל

עס ווערט געשפּילט

„א חבר אין לעבען"

מעלאדראמע מיט געזאנג פון שלמה שטיינבערג.

שבת דעם 30-טען אפריל לײדיס פריי 2 פאר 1

די גאנצע קאמפאניע אין

„און א פאספארט"

קאמעדיע־דראמע מיט געזאנג פון בן דוד

מודעה

די ארץ ישראל משקאות

פון די רעגירונגס סטארס, זענען רעקאמענדירט פון הרב הגאון קוק פון ירושלים אלס כשר לפסח אפילו למהדרין מן המהדרין

לאיערס גלעס און דיקלער

— פון —

GLASS - DICKLER & CO.

708 דאמיניאן בילדינג, 465 בעי סט.

אפיס טעלעפאן: עדעלייד 1168 — 1169

אלגעמיינע, ציווילע און קרימינעלע לאו־פראקטיס.

געלט געליהען און אינוועסטירט אויף מארטגעדזשעס.

קיעווער'ס

גרויסער פוירניטשור סייל

עס איז געבליבען

בלויז א קורצע צייט צו פסח

נוצט דערפאר אויס די געלעגענהייט צו געניסען פון די נידעריגע פרייזען אויף די שעהנסטע 1932 פארניטשור



טשעסטערפילד סעטס, דיינינג רום סעטס, בעדרום סעטס

קיטשען סעט — רעגולאר $95.00 — — — $69 און העכער.

ברעקפעסט סעט — רעגולאר $60.00 — — — $39 און העכער.

געדענקט! עס אז די איינציגע סטאר, וואס גיט אייך הייקלעס פארניטשור צו אזעלכע בארגיין פרייזען.

עס איז דא בלויז איין קיעווער סטאר

קיעווער פארניטשור קא.

452 ספעדיינע טעלעפאן מידוויי 7677

אפען אין אווענט. קיינע ברענטשעס.

די אידישע טאראנטא האט געשטורמט

די ערשטע טעג יום טוב מיט

חזן לייבעלע

גלאנץ

אזא ראוונע, אזוי זאגען טל האט מען נאך ניט געהערט.

איהר האט א געלעגענהייט צו הערען דעם בארימטען חזן די צווייטע טעג יום טוב פאר **בלויז 50 סענט**

— אין —

אסטראווצער שול

(קארנער סיסעל און ספעדיינע)

פארזאמט ניט די געלעגענהייט. באזארגט זיך גלייך מיט א בילעט

יעדער סיט אין שוהל רעזערווירט

באזארגט זיך באצייטענס מיט א בילעט, וועלכע עס זענען צו באקומען אין די פאלגענדע פלעצער: —

שלמה גראסמאן — 155 דאנדעס סטריט וועסט.

א. לירענבוים — 119 טשעסטנאט סטריט.

ירמ"י רובינשטיין — 49 גרענדזש עוו.

קויפמאן פיש — 49 באלדווין סטריט.

יאקיל ניסקער — 193½ באלדווין סטריט.

יחיאל אפעל — 827 דאנדעס סטריט וועסט.

אין יעקב פעלדמאנ'ס הארדוועיר סטאר — 560 קאלעדזש סט.

און 813 דאנדעס סטריט וועסט.

הערצקיע מאנדעל — 56 סיסעל סטריט

און ביים שמש פון שוהל.

טוט עס יעצט — גלייך, אום איהר זאל ניט דארפען באדויערען, ווען איהר וועט קיין בילעט ניט קענען באקומען.

אסטראווצער שוהל קאמיטע.

תלמוד תורה עץ חיים

איבערראשענדע נייעס

אזוי ווי די קאמיטע פון תלמוד תורה עץ חיים האט באשלאסען צו עפענען נאך

א ישיבה קלאס

צו געבען די מעגליכקייט די קינדער וועלכע האבען געענדיגט זייערע פולע קורסען אין די היגע תלמוד תורה'ס צו קענען שטודירען העכערע למודים און אלס ראש ישיבה פאר דעם קלאס איז צוגענומען געווארען

רבי בצלאל קאהן נ"י

א מוסמך פון דער ישיבה חברון וועלכער, אויסער זיין גרויסקייט בתורה וחכמה באזיצט אויך זעלטענע פעדאגאגישע פעהיגקייטען צו קענען צוציהען דעם יונגען דור צו תורה ודת. דאריבער לאזען מיר וויסען אז יעדער וואס האט א באי וועלכער וויל פארזעצען זיינע למודי קודש צו דערגרייכען א תכלית, זאל ער זיך מעלדען אין אפיס פון דער תלמוד תורה עץ חיים, 68 דיארסי סטריט.

יוסף לעווי, פרעזידענט און קאמיטע.

תלמוד תורה בראנזוויק עוועניו

פארשטעהער פון אידישע ארגאניזאציעס, און אלע וועלכע זענען פאראינטערעסירט אין אידישען חינוך און ווילען איהם ארויסהעלפען, זענען געבעטען צו קומען

היינט צום קאמפיין מיטינג

פון דער תלמוד תורה

„וויניג מענשען פארשטעהען די טראגעדיע פון א גאנץ פאלק, א גאנצע קולטור וועלכע געהט אונטער צוליעב אונוויסענהייט"

רבי סאקס, טשערמאן פון קאמפיין.

„אין דער אידישער ערציהונג זענען פאראן אלע עלעמענטען צו פארפיינערען און קולטיווירען דעם מענשען ניט נאר אלס איד נאר אויך אלס בירגער".

מ. געלבער,

פרעזידענט פון באארד.

קאמפיין באנקעט דעם 8-טען מאי

— רעדנער רבי אבראמאוויץ —

אייזן

די זיכערסטע און עקאנאמישסטע דערפינדונג

צו ראטעווען אייער שפייז. זומער, ווען מילך ווערט זויער, פרוכט און פלייש ווערט איבערגעפירט. נוצט אייז צו פארהיטען אייער שפייז א קיילעכדיג יאהר.

די איינציגע אידישע אייז מאנופעקטשורער אין קאנאדע.

ה. גרינבערג אייז קא.

146 וואלסלי סט.

ווייווערלי 1214

נייעס פון איבער גאנץ קאנאדע

אידישער דאקטאר פון מאנטרעאל געעהרט פון מק'גיל קאלעדזש

מאנטרעאל אפריל 24.

דער באקאנטער היגער אידישער מעדיקער דר. מ. ראבינאוויטש, איז פון דער מעקגיל אוניווערזיטעט באערט געווארען מיט דעם טיטול "דאקטאר און סייענס". די העכסטע באלוינונג וואס דער אוניווערזיטעט קאן געבען אויס אנערקענונג פאר וויסענשאפטליכע פארשונג און ביישטייערן צו דער מעדיצינישער וויסענשאפט. דר. ראבינאוויטש האט באזונדערס זיך אויסגעצייכנט מיט זיינע פארשונגען אויף דעם געביט פון מעטאבאליזם. דער דאזיגער כבוד וועט איהם צוגעטיילט ווערען ביי דער יעהרליכער פריהלינג קאנוואקאציע פון דעם אוניווערזיטעט דעם 26-טען מאי.

דר. ראבינאוויטש איז דער שעף פון דעם דעפארטמענט פון מעטאבאליזם און דיאבעטישען קליניק אין דעם מאנטרעאל דזשענעראל האספיטאל. ער איז אויך געהילפס פראפעסאר אין מעדיצין אין מעקגיל אוניווערזיטעט.

חוץ דעם האט ער זיך בארימט געמאכט מיט זיינע בייטראגען צו דער מעדיצינישער וויסענשאפט, איבערהויפט אויף דעם געביעט פון באהאנדלען צוקער קראנקע. ער ווערט באטראכט אלס איינער פון די פעהיגסטע לעהרער פון דעם מעדיצינישען פאקולטעט און איינער פון די לייטענדסטע מיטגליעדער פון דער פראפעסיע אין קאנאדע.

עס ווערט אויך געזאגט אז קיין מיטגליעד פון דעם אוניווערזיטעט איז געווען אזוי פרוכטבאר מיט זיינע בייטראגען צו דער מעדיצינישער וויסענשאפט ווי דר. ראבינאוויטש. דער אידישער מעדיקער איז איצט דער אנפיהרער פון דעם גרעסטען דיאבעטישען קליניק אין קאנאדע און דער צווייטער גרעסטער אויף דעם קאנטינענט.

זאגט ער האט געהרגעט, פאליציי לייקענט עס

האמילטאן, אפריל 24.

איזידאר שטראמבערג, א וואנדערער, וואס קומט אהער פון די שטאאטען, האט זיך געמאלדען אין היגער פאליציי אנגעבענדיג אז ער האט אין ניו יארק גע־הרג'עט א מענשען. די ניו יארקער פאליציי, מיט וועלכער מען האט זיך פארשטענדיגט, לייקענט, אז זיי זאלען זוכען אזא פערזאן, אדער אז די מעשה, וואס ער דערצעהלט, איז ווען עס איז געשעהן.

ער איז אפגעשיקט געווארען אין אנטריא האספיטאל, ביז מען וועט וועגען איהם אויסגעפינען גענויער און איהם דעפארטירען אין די שטאאטען.

שטראמבערג האט אויך דערצעהלט, אז אנגעשטעלטע אויף א צוג האבען איהם געהאלפען זיך אריינשמוגלען אין קאנאדע. נאר אזוי ווי מען צווייפעלט, צי ער איז ביים קלארען פארשטאנד, וועט מען קיין אויספארשונג וועגען דעם ענין ניט אנהויבען.

שטאט אין מאניטאבא שרעקט זיך פאר צופיל ארבעטסלאזע

די פאס, מאניטאבא, אפריל 24.

הונדערטער ארבייטסלאזע פון אלע טיילען פון וועסטערן קאנאדע האבען זיך צוזאמענגעקליבען אין האדסאן בעי־דזשאנקשאן, א קליין אייזענבאהן סטאנציע אויפ'ן מיטען וועג צווישען מאניטאבא און סאסקאטשעוואן, און קלייבען זיך דורך גנב'ענען ריידס אויף דער אייזענבאהן אראפפאהרען קיין פאס.

דער מעיאר פון פאס האט מורא, אז די גרויסע צאהל וואנדערער זאל ניט שאפען קיין אומרוהען אין שטאדט, ווי עס איז געשעהן פאראיאהרען. ער האט זיך געווענדעט צו דער פראווינציעלער רעגירונג נאך הילף.

די אייזענבאהן בעאמטע זאגען אז זיי קענען גאר ניט העלפען צוליעב דער גרויסער צאהל פון ארבייטסלאזע, געגען וועמען זיי האבען מורא זיך צו שטעלען.

פירט דורך אפעראציע אויפן מארך צו ראטעווען פון פאראליז

פוירגוסאן, אנט. אפריל 24.

אן אויסערגעוועהנליך שווערע און געפעהרליכע אפעראציע איז דורכגעפיהרט געווארען אין א היגען האספיטאל, אויף דעם מארך פון א פרוי, וועמענס קערפער איז פון איין זייט פאראליזירט געווארען.

אין א וואך נאך איהר געבוירען א קינד, האט די 33 יאהריגע מרס. הובערטמאן, באקומען א שלאג און איז פאראליזירט געווארען. דר. וו. א. גראוס, א היגער דאקטאר האט באשלאסען צו פרואווען אפערירען איהר, אויף וואס ער האט באקומען דערלויבעניש פון דער פאמיליע.

דורך אויסמעסטען און אויסרעכענען האט ער באשטימט דעם פלאץ, וואו ביי דער פרוי אין מארך זאל זיך האבען צונויפגעקליבען פארגליווערט בלוט. און דורכלעכערענדיג איהר מארך האט ער פארזוכט עס אויסצוצאפען.

דער רעזולטאט פון דער אפעראציע, וואס איז נאך קיינמאל אין ערגעץ ניט דורכגעפיהרט געווארען, איז נאך ניט באקאנט. דערוייל ווערט באריכטעט אז דער פאציענט רוהט צופרידענשטעלענד.

מאן און פערד מאמענטאל געטויט אויף אייזענבאהן קרייצוועג.

טרי ריווערס קוו. אפריל 24.

א. ווילאנקור, א קאנטראקטאר, איז מאמענטאל דערהרג'עט געווארען ווען א סי. פי. אר. צוג פון קוויבעק איז ארויפגעפאהרען אויף זיין פערד און וואגען, אין וועלכען ער איז געפאהרען.

זיין קערפער איז פארשליידערט געווארען אויף 30 פוס. און מען האט איהם באלד אויפגעהויבען א טויטען. דער פערד און זיין וואגען זיינען צושמעטערט געווארען אויף שטיקלאך.

אדווערטייזט

אין

„זשורנאל"

א גאנצע וואך

רעקעטירערס פון רעליגיע אין א גיגאנטישען פלאן —

„מיראקל מען"

מיט סילוויא סידני טשעסטער מאריס

אויפ'ן סטיידזש

סווים מואוומענטס

מיט

לאקי באיס, בילי דולי

ווילפריד דיובוא, סווים ביוטיס.

THE GREATER Imperial THEATRE

דר.

י. הימעלשטיין

דענטיסט

האט יעצט זיין אפיס

אין דער

קאלעדזש און ספעדיינע

בילדינג

445 ספעדיינע עוו.

(קארנער קאלעדזש און ספעדיינע)

Phone: KINGSDALE 3928

אויסראטען גאראנטירט

וואנצעס, ראטשעס, מילבען א. א. וו. ארבייט, וואס שטעלט צופרידען, צו פרייזען, וואס שפארען אייך איין געלט.

לייסענסד אפערייטארס

באשעפטיגט.

NATIONAL

Exterminating Co.

מעלראז 1651

הרב מאיר צבי לעווי

וואוינונג איז איצט

362 פאלמערסטאן

בולווארד

דאונסטערז, צווישען קאלעדזש און אלסטער.

טרינִיטי 3139

די הויז איז אפען פאר יעדען צו ענטפערען אלע רבנישע ענינים.

GARDEN THEATRE

College at Spadina

2 טעג בלויז 2

מאנטאג און דינסטאג

25-טען און 26-טען אפריל

די קאמעדיע פון לופט פליהעריי — און די קאמעדיע פון הייראט — צרות — קען זיך נישט ראטעווען פון זיין יונג ווייבעל טויזענטער מיילען אין דער הויך — סאנג היטס — שעהנער כארוס — טרילס — און

בערט לאהר

מיט שארלאט גרינוואוד אין

„פלייאינג היי"

די גרעסטע קאמעדיע אין זינגענדיגע און רעדעוודיגע פילם.

BERT LAHR

DUCHESS

THEATRE Cor. Dundas & Markham

Chester Morris in Corsair with Alison Loyd

מאנטאג און דינסטאג

25-טען און 26-טען אפריל

ער איז מוטיג און ערליך און דערפאר לאכט מען פון איהם — קעמפט ער פאר זיין ליבע מיט געזוועהר און גוואלד — דאס איז די שפאנענדסטע דראמע פון רעקעטירינג, בוטלעגינג, הויכען פינאנס און — ליבע

„קארסעיר"

מיט טשעסטער מאריס

עליסאן לאיד

אויך

„אדווענטשורס אין אפריקא"